№ 158 | Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem | פרייז 20 גראשען | Lodzer Tageblat

לאדזשער טאגעבלאט

צוואנציגסטער יאהרגאנג. | 10 lipca 1927 r. | זונטאג, י׳ תמוז תרפ״ז | רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47

אמוניציע-אויפרייס אין בידגאשטש.

מפלה פון די אנטיסעמיטען בעת די פארלאמענט-וואהלען אין רומעניען.

שרעקליכער אמוניציע-אויפרייס אין בידגאשטש.

בידגאשטש, 9 יולי (טעלעפאניש) עהרגעכטען א זייגער 3.35 איי דער פריה איז אין דער פאבריק פון אמוניציע-מאטעריאלען אונטער בידגאשטש געשעהן צוליב אונבעקאנטע סיבות אן אויפרייס פון גראנאטען. דער אויפרייס האט געדויערט 5 מינוט. גאנצע הייזער זענען איינגעפאלען. דער אויפרייס האט ארויסגערופען א גרויסע פאניק צווישען דער בעפעלקערונג, וועלכע זענען, ווערענדיג איבערוועקט פון שלאף, ארויסגעלאפען נאקעטע פון די הייזער. די פאליציי פיהרט אן ענערגישע אויספארשונג. די אלגעמיינע מיינונג איז, אז דער אויפרייס איז געשעהן דורך א פערברעכערישער האנט. קיין קרבנות איז נישט געשעהן.

רעזולטאט פון די פארלאמענט-וואהלען אין רומעניען.

בוקארעסט, 9 יולי. (פאט) נעכטען א זייגער 10 פארמיטאג זענען די רעזולטאטען פון די וואהלען אין גאנצען לאנד שוין געווען בעקאנט. בראטיאנו׳ס רעגירונג האט אומעטום בעקומען א בעדייטענדע מעהרהייט. די ליבעראלע פארטיי האט בעקומען 290 מאנדאטען, די נאציאנאלע צוערים-פארטיי 60—70. די א.בריגע ראטען בעקומען די נאציאנאלע מינאריטעטען, וואס זענען געגאנגען צו די וואהלען אין א בלאק. און א סך קריי-זען האט דער בלאק בעקומען אן אפסאלוט מעהרהייט.

פארלאמענטריסטיש איז, אז דער פריי-רי-ערדמייער פראפעסאר קוזא, וועלכער איז דער גרינדער פון דער אפא-ז.ציע, איז דורכגעפאלען מיט׳ן קנאל. נישט ער איז אויסגעוועהלט געווארען און אויך נישט אווערעסקו, וועלכער איז געשטאנען אויף זיין ליסטע.

דער׳הרג׳עט געווארען דורך א דונער.

ווילנא, 9 יולי. (א.ח.) נעכטען איז אין טראקער קאנט פארגעקומען א שטורם. אין ... טראקי איז דורך א דונער דער׳הרג׳עט געווארען דער פויער ... בעת ער האט געגעסען מיטאג.

דייטשלאנד בעוואפענט זיך.

בערלין, 9 יולי. (א.ח.) די סאציאליסטישע צייטונגען מעלדען מיט, אז די דייטשע רעגירונג האט בדעה צו פער-גרעסערן די רייכסווער אויף 400 טויזענד מאן אנשטאט די ביז-איצטיגע 100 טויזענד. די דייטשע ארמעע זאל זיין פערזעהן מיט טאנקס, עראפלאנען און נאז-געוועהר. דער עטאט פון דער רייכס-וועהר איז איצטיגען יאהר געווען פאר 16 מיליאן אויף בעניצען געוועהר-פאבריקען און מאנערגווזירען די מיליטער. א בעשטימטע פון גרויסע בעשטעלונגען איז דער פאקט, אז אין די דייטשע געוועהר-פאבריקען זענען ערשט דעסט געווארען 700 נייע הארמאטען.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין מאריענבאד מאנטאג, פרשת בלק תרפ״ז אונזער ליבער און טייערער פאטער, גרויס-פאטער, אור-גרויס-פאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

ג״ע

ר׳ דוב בעריש בלומענפעלד (פון קיעלץ)

אין עלטער פון 64 יאהר. (געוו. דאזאר פון דער יוד. גמינע אין קעלץ, געוו. פרעזעס פון דער יוד. פאלקס-באנק אין קעלץ).

די לוי׳ סומט פאר אין קעלץ היינט, זונטאג, יום א׳ פ׳ פנחס 3 א זייגער נאכמ. וועגען וואס עס טיילען מיט

די אין טיפען טרויער פערבליבענע פאמיליע.

פארק-העלענאוו.

זונטאג, דעם 21. אויגוסט ווערט איינגעארדנעט דורך דעם

יודישער הילפס-פעראיין „תומכי אורחים" פאמארסקא 18.

הילפס-פעראיין „תומכי אורחים"

אגרויסע גארטען-פערוויילונג

מיט א אויסערגעוועהנליך רייך פראגראם, וואס לאדז האט נאך נישט בעוויזען צו זעהן.

גענויערס אין די ווייטערע אנאנסען.

בילעטען צום פרייז פון 1.50 און —.1 זלאטי צו בעקומען אין פעראיינס-קאנצעלאריע, פאמארסקא 18, טעגליך פון 11 ביז 2 און פון 5 ביז 9 אווענד.

שטיצט די אומזיסטע קוך!

די פערוואלטונג.

שליידער-מאשינען פון Gebr. Heine, Viesen, Rheinland

די גרעסטע שליידער-מאשינען-פאבריק פון איראפא.

ליפערונג זאפארט פון דער פאבריק.

פערטרעטער:

גוסטאוו קאשאדע ראדוואנסקא 46 טעלעפ. 61-08

צו פערקויפען

פראפעסטירטע וועקסלען פון דער פירמא סאלאמאן ראזין (סחיטער-פאבריקאנט) נארוטאוויטש 56, (וואוינונג), פאמארסקא 75 (פאבריק), און קאנסטאנטינער 3 (געשעפט). אפערטען אונטער „J. M." אין דער אדמיניסטראציע פון „לאדזשער טאגעבלאט".

Dr. med. Feldman

פרויען-ארצט און אקושער

נעמט אן פון $6\frac{1}{2}$—$3\frac{1}{2}$

Cegielniana 46, tel. 32-88.

דעם טיפסטען בײלייד דריקען מיר אויס אונזער ג׳ שעף צוליב דעם טויט פון זיין ליבען פאטער

נ״ע

ר׳ דוב בעריש בלומענפעלד

(אויס קיעלץ)

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים!

דאס פערסאנאל פון דער פירמא

מאיר בלומענפעלד, לאדז.

Dr. M. Goldfarb

זאוואדזקא 19. טעלעפאן 19-58.

הויט-, האר- און געשלעכטס-קראנקהייטן

נעמט אן פון 9—12 און 5—8 אבענד.

פאר דאמען — ...

Dr. med. Braun

ספעציאל-ארצט פאר הויט-און ווענערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע.

בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל)

23 פאלודניאווא 23

טעל. 40-26

נעהמט אן פון 9—11 און פון 5—8 ד.הענע

טעגליך פאקען-זעצען

ווי אויך מיט שוואדעסעהנס

St. Felczer

B. JOSKOWICZ

פולנאצנא Północna 4 טעל. 41-86

נעמט אן טעגליך פון 8—11 פריה און פון 4—6 נאכם.

Dr. Różaner

ספעציאליסט פאר הויט-ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע.

היילונג מיט קווארץ-שטראהלען און דיאטערמיע

Dzielna 9 (Narutowicza)

טעל. 28-99.

פון 8—10, 5—8. פרויען 8—4.

אב׳עקסטרא ווארטע-זאאל פאר פרויען.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קראנקהייטן

9 קאנסטאנטינאווסקא 9 טעלעפ. 27-81

ספעציעלער קורס פאר שטאמלער.

שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7.

נעהמט אויך אן אין לעטשניצע וואַרשער 17 פון 9 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאכם. 1016

Głęboko dotknięci przedwczesną śmiercią

Ś. P.

RYSZARDA BEMEGO

długoletniego współwłaściciela kino-teatru „LUNA"

wyrażamy Dyrekcji oraz Rodzinie najgłębsze współczucie

Pamięć o Nim zachowamy na wieki!

Administracja

„Lodzer Tageblat"

וואלקעז-ברוך פערוויסט א שטאט.

קור-ארט בערגיסהיבלער אין דייטשלאנד פערניכטעט געווארען.

וואלקעז-ברוך פערוויסט א שטאט.

בערלין, 9. יולי. (פאט) אויף דער טשעכיש-שלעזישער גרענעץ איז אין דער נאכט פון פרייטאג אויף שבת פארגעקומען א שרעקליכער וואלקען-בראך. פערבונדען מיט אן אנגעהויערען שטורם וואס האט אינגאנצען פערניכטעט דעם שטאל-ביים שטעטעל מוגליטש. צוליב דעם וואלקען-בראך איז דער טייך מוגליטש ארויס פון די ברעגען און געגוסען גיכער פערניכטעט רעדער, נאר אפילו אויך שטיינ. דאס קור-ארט בערגיסהיבלער איז פערניכטעט געווארען. דאס וואסער דארט איז דערגאנגען ביז 4 מעטער הויך. דערווייל זענען ארויסגעצויגען געווארען פון דער שטאט 27 טויטע.

—o—

37 דער'הרג'עטע בעת א באהו-קאטאסטראפע.

ניו-יארק, 9. יולי. (סב) געקומען ידיעות אז אין אלפאלאסקאל אין ארגענטינא פארגעקומען א שרעקליכע באהן קאטאסטראפע. עס זענען דער'הרג'עט געווארען 37 שילער פון דער קאדעטען-שולע, וואס זענען געפארען אויף א מיליטערישער פערזאמלונג. שווער פערוואונדעט זענען געווארען 35. די קאטאסטראפע איז געשעהען צוליב דעם, וואס דער מאשיניסט האט נישט באמערקט דעם סיגנאל פון אנקומענדיגען שנעל-צוג.

בולגארישער צאר שרייבט תנאים

מיט א טאכטער פון רוסישען טראן-פרעטענדענט;

סאפיא, 9. יולי (טעלעגראניש) די אויסלאנדס-רייזע פון בולגארישען קעניג באריס וועט פארקומען אינקאגניטא. דער צאר וועט פאהרען אונטער'ן נאמען גראף אפני. בעת זיין וויזיט אין פראנקרייך וועלען פארקומען זיינע תנאים מיט איינער פון די טעכטער פון גרויספירשט קיריל וולאדימיראוויטש, דעם פרעטענדענט אויפ'ן רוסישען טראן.

ארעסטירט פעלשער פון שטעמפעל-מארקען.

צוגעגרייט פאלשע מארקען אויף 1.600.000 זל.

קראקא, 9. יולי (טעלעגראניש) די אויספארשונגס-מאכט איז געפאלען אויף די שפורען פון א גוט-ארגאניזירטער באנדע פון שטעמפעל-מארקען-פעלשער. אויפ'ן גרונד פון קאנפיסקירטען מאטעריאל איז אויסגערעכנט געווארען, אז די פעלשער האבען צוגעגרייט שטעמפעל-מארקען אויף 1.600.000 זל. די מיטגלידער פון דער באנדע זענען ארעסטירט געווארען.

אגיטאציע פאר א שחיטה-פערבאט אין עסטרייך.

ווין, 9. יולי. (יטא) ווי די הינגע פרעסע טיילט מיט, טרעט צו די עסט-רייכישע צער בעלי חיים געזעלשאפט צו ארגאניזירען אין פערשידענע פראווינצען פון לאנד פאלקס-אפשטימונגען וועגען א שחיטה-פערבאט. אזוי אז מען וויל די געזעלשאפט בעוועגען די רעגירונג ארייננצוטראגען אין פארלאמענט א געזעץ וועגען שחיטה-פערבאט.

פון דער פראווינץ פארארלבערג, וואס גרענעצט זיך מיט דער שווייץ, קומט אן א ידיעה, אז דארט האט מען פרובירט איינצופיהרען דעם שחיטה-פערבאט אויפ'ן שטח פון דער גאנצער פראווינץ. אזוי ארום האלטען די שווייצארישע יודען פער-לירען די מעגליכקייט צו געניסען פון דער עסטרייכישער שחיטה.

—o—

פארד שלאגט זיך על חטא...

ס'טוט איהם באנג דאס אויסגעגעבענע געלד אויף אנטיסעמיטישער אגיטאציע.

ניו-יארק, 9. יולי. (יטא) הענרי פארד האט פערעפענטליכט אין דער אמעריקאנער פרעסע אן ערקלערונג, וואו ער איז מודה, אז די פראטאקאלען פון די „חכמי ציון" זענען געפעלשטע און ער בידויערט, פארוואס ער האט זיך גע-לאזט פערפיהרען פון דער אנטיסעמיטי-שער פראפאגאנדא און האט געשפענ-דעט געלד-מיטלען פאר זיינער פערשפרייטונג.

צום סוף פון זיין ערקלערונג בעטעט-טעט ער דעם אונרעכט, וואס ער איז בעגאנגען לגבי זיינע יודישע מיטבירגער דורך דער אנטיסעמיטישער אגיטאציע.

רעדוקציע פון בעאמטען און בעאמטען-פענסיעס אין ארץ-ישראל.

ירושלים, 9. יולי. (יטא) די אויס-פארשונגס-קאמיסיע פאר דער רעארגא-ניזאציע פון דער ציוניסטישער אדמי-ניסטראציע און צוזאמענהאנג מיט די געפלאנטע אפשפארונגען, דאס שוין פערענדיגט א.הר ארבייט.

זי האט צוגעשיקט א פארשלאג צום ציוניסטישען עקזעקוטיוו צו רעדוצירען 42 בעאמטע און גלייכצייטיג צו רעדו-צירען די פענסיעס פון די איבערגעבליבע-בענע בעאמטע לויט א געוויסען סיסטעם.

—o—

שטרייק פון העברעאישע לעהרער אין ארץ-ישראל פערענדיגט.

ירושלים. (יטא) דער שטרייק פון די העברעאישע לעהרער, וואס איז דא אויסגעבראכען צוליב דעם, וואס די לעה-רער האבען נישט בעקומען זייערע דא-גאראזשען זייט חודש פעברואר, איז היינט פערענדיגט געווארען א דאנק דער ער-פאלגרייכער אינטערווענץ פון „ועד הלאומי".

ווי אזוי איז ארעסטירט געווארען לובאוויטשער רבי?

דער טשעקיסט, וואס האט ארעסטירט דעם רבי'ן, א זוהן פון א ליובאוויטשער חסיד.

ריגא, 9. יולי. (יטא) דער ריגער פארבאנד-טעגענט דערצוהלט זיך פאלגענ-דע פרטים איבער דעם ארעסט פון ליו-באוויטשער רבי'ן. דער רבי איז ארעס-טירט געווארען דורך צוויי יודישע טשע-קיסטען. נאכלעמקין און לאלאוו. דער לעצטער איז א זוהן פון א כהן, א ליו-באוויטשער חסיד.

בעת מען האט דעם רבי'ן געוואלט ארעסטירען, האט ער ארויסגעשטעלט 3 פאדערונגען, אויב נישט וועט ער זיך אפ פרטווילינג צו געהן אין ארעסט. די 3 פאדערונגען זענען: כשר עסען, 1 מאל וועכענטליך ערלויבען ארייננגערענגען און ארעסט רבי'נס תפלין און ספרים.

נישט קוקענדיג אויף דער הבטחה צו ערפילען דעם רבי'נס פאדערונגען, האט מען שפעטער ערלויבט איהם אריינצוטראגען כשר עסען נאר 1 מאל און וואר און בכלל ווערט ער געהאלטען אונטער א שטרענגען רעזשים. אין תחילת איז ער געזעסען און א פשוטער קאמער, איצט איז ער איבערגעפיהרט געווארען אין דער איינזאמער קאמער.

דער פערבאנד פון פוילישע יודען אין אמעריקא

שיקט א דעלעגאציע אויף דער קאנפערענץ פאר שוץ פון די יודישע מינדערהייטען.

ניו-יארק. (יטא) דער פערבאנד פון פוילישע יודען אין אמעריקא האט בעשלאסען צו שיקען א דעלעגאציע אויף דער קאנפערענץ פאר שוץ פון די יו-דישע מינדערהייטען, וואס דארף אפגע-האלטען ווערען אין מאנאט אויגוסט אין ציריך. די פערבאנד האט אויסגע-וועהלט צוויי דעלעגאטען: די ה"ה אל-פרעד ראזענטאל און ארוו. דאר: קא-פעלמאן.

זאל פילהארמאניע

נארוטאוויטשא 20.

גאסטראלען פון די בעליבטע אמעריקאנער געסט

אננא און **היימי יאקובאוויטש**

דער גרויסער סענסאציאנעלער שלאגער !!!

היינט, זונטאג דעם 10-טען יולי 9 אווענד צום 2-טען מאל איינע פון די וועלט-שלאגערס וואס מען שפילט יעצט אויף די ענגלישע ביהנעס

דער גאט פון ליבע

אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון סעם שטיינבערג, רעזשיסירט דורך היימאן יאקובאוויטש. הויפטראלען: מיי—אננא יאקובאוויטש, סיימאן—היימאן יאקובאוויטש.

מארגען מאנטאג, ה. 11/7 9 אוו. גרויסע פאפולערע פארשטעלונג פון 80 גר. ביז 2.50

די גרינע כלה

אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ רעזשי. היימי יאקובאוויטש.

הויפט-ראלען: גאלדעלע—א. יאקובאוויטש, זעליג—ה. יאקובאוויטש.

עס נעמט אנטייל פרויען: בעזמאן, מאכאראווסקא, פאדערמאן. מענער: אריעל, אייזענבערג, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, גייהויז, סאלאנסקי צחילק.

געשעפטס-פיהרער: בעזמאן. בינע-לייטער: מאכאראווסקי.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

גרויזאמע נקמה פון אנ'אייניקעל אז זיין זיידען.

אונטערגעצונדען דעם זיידענס בעט און אליין בעגאנגען זעלבסטמארד.

אויף ירושליי 10 וואוינט א געוויסער ח. יאנקעל, וואס האט ביי זיך אין שטוב געהאלטען זיין אייניקעל, דעם 18-יעה-ריגען ישראל. צווישען זיידע און איי-ניקעל פלעגען פארקומען מחלוקות.

נעכטען אין אווענד האט דאס איני-קעל געדראהט דעם זיידען בעת א קריג-ערעי, אז ער וועט זיך אן איהם נוקם זיין. דער זיידע, שטענדיג אבער זיין דוי-נונג אייניקעל, האט זיך דערפון נארנישט געמאכט.

ארום 12 ביינאכט, בעת דער אלטער איז געשלאפען, האט זיך שאפליני ארייגעגנב'עט און געלעגען צימער און אונטערגעצינדען דאס בעטגעוואנד. נאכ-דעם האט ער ארויסגענומען א מעסער און זיך איבערגעשניטען דעם האלז. אויף די געשרייען פון זעלבסטמערדער האט זיך דער אלטער אויפגעכאפט און גרויס געשריגען. מ'האט זיך צוזאמענגעלאפען די שכנים און דאס פייער איז געלאשען אבער צולעשען.

דעם זעלבסטמערדער איז דורך פאג-טאווע ערטשילט געווארען הולף.

ריוח פון דער טראמוואי-געזעלשאפט פאר 1927.

(ע) לויט'ן בילאנס פון דער לאדזשער טראמוואי-געזעלשאפט פאר'ן יאהר 1926 איז צו זעהן, אז דער ריינער ריוח איז געווען 769 טויזענד זל. דערפון איז ארויס זל., רעזערוו-קאפיטאל — 40 טויזענד זל., בוי-פאנד — 31 טויזענד זל.. די מינדענטען רעכנען בעטראגען 28 זל. פון אקציע פון 1 נאמינאלען ווערט פון 700 זל.

די מעטינקייט פון הויך-שול פאר דער וויסענשאפט פון יודענטום.

בערלין, (י.ט.א.) די טעג איז דא פערגעקומען א בעריכט-פערזאמלונג פון דער הויך-שול פאר דער וויסענשאפט פון יודענטום. אין בעריכט איז בעמאל-דען געווארען, אז דער בערלינער פאליציי-פרעזידענט ד"ר ווייס איז ארייני-געטרעטען אין קוראטאריום פון דער הויך-שול.

די צאהל פון צוהערער האלט אין שטייגען. אין ווינטער סעמעסטער 1926/27 זענען געווען אימאטריקולירט 45 גע-וועהנליכע צוהערער און 45 האספיטאנ-טען. די געווענליכע אויסגאבען בע-טראגען 99.300 מארק פאר'ן פערגאנ-גענעם יאהר. בישט קוקענדיג אויף פער-שידענע סובסידיעס איז דאך פערהאן א דעפיציט פון 8580 מארק. די צאהל מיטגלידער פון דער געזעלשאפט צו שטיצען הויך-שול איז שטארק געפאלען. דער פערמעגען פון דער הויך-שול בע-טרעפט 306.030 רייכסמארק.

אין בעריכט איז בעגוי' געשילדערט געווארען די וויסענשאפטליכע טעטיג-קייט פון אינסטיטוט. צום סוף פון דער פערזאמלונג איז דאס אלטע קוראטאריום אויפסניי אויסגעוועהלט געווארען.

5 מיליאן זל. שטייערען מאהנט זיך דער לאדזער מאגיסטראט.

(:) די שטייער-צאמלונג ביים מא-גיסטראט איז ענערגיש צוגעטרעטען איינצומאהנען די לאקאלע און מלוכה'שע שטייערען. בעזונדערס דעם שטייער פון אונבעוועגלכע גיטער און די לאקאלע הוספה צ.ם דאזיגען שטייער.

פאר נישט בעצאהלען און די גאנצע סטע טעג די דאזיגע שטייערן, וועט מען געהלען גרויסע שטראפען פאר אפ-שיקען און די קאסטען פון דער שטיי-ער-עקזעקוציע.

פון די דאזיגע שטייערען קומט דעם הויגען מאגיסטראט די אלגעמיינע סומע פון 5 מיליאן זל.

5 זעלבסטמארדען אין 1 טאג.

(§) נעכטען איז בעגאנגען זעלבסט-מארד אין פייער פון וואוילמשאנסקא 27 ר.דך פער'סמ'ן זיך יאן רעדליך פון פאבריאניצער שאסע 32.

אויף פאמצרקא 95 איז בעגאנגען זעלבסטמארד מיכאלינא אלעש דורך פער-סמ'ען זיך.

— פעלימסא סקודלארעק (כטעפאנא 8) איז בעגאנגען זעלבסטמארד דורך פער'סמ'ען זיך.

— אין פארק פאניאטאווסקי האט זיך פער'סמ'ט א געוויסע אניעלא זדונטשיק פון אנ-זשעקא 41.

פאטאליאזיע האט די אלע זעלבסט-מערדער אין א שווערען צושטאנד אפגע-פיהרט אין שפיטאל.

• • •

(:) אויף קיעווער גאס 5 איז בעגאנ-גען זעלבסטמארד, אויסש.סענדיג אין זיך פון א ברוינינג דער 18-יעהריגער יאן בלאשטשיק. פאטאטאווע האט איהם און א שווערע ציטשאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל. די סיבה פון זעלבסטמארד — ארבייטסלאזיגקייט און גרויס נויט.

אנגעשטעלטע פון דיסקאנטא-באנק בעקומען 25 פר. הוספה.

(ע) די אנגעשטעלטע פון דער דיס-קאנטא-באנק האבען נאך אנ'ענערגישער אקציע בעקומען א הוספה אויף די לוי-נען פון 25 פראצ. און פערקירצט די ארבייטס-צייט ביז 6 אווענט.

רויב-אנפאל אויף א יוד.

(:) אויפ'ן שאסע פון ליבוראוני פון קלוכשה, שטראדזער פאוויאט, גערויבען הצלה, יענען אונבעקאנטע אנגעפאלען מיט געווער אויף'ן האנד אויפ'ן דורכפאהר-רענדען יודישען סוחר, מאכעל ווין, און דראהענדיג מיט'ן טויט, ביי איהם גע-רויבט זיין גאנץ פערמעגען פון 60 זל.

רעוואלווערענדיג איהם און איבערגע-ריסען, ד.ה, אז מען פערמאכט ער נישט. זוכט די באנדיטען ענטלויפען. ר.ט דאס שפעטער הערען אנפאל געמאלט דער פאליציי. וואס פיהרט אנ'ענערגישע אויספארשונג.

פון יודישען טעאטער.

די פרעמיערע „גאט פון ליבע", וואס איז נעכטען צוערסט אויפגעפיהרט געווא-רען דורך די אמעריקאנער געסט אנא און היימאן יאקובאוויטש אין זאל פ.לי-הארמאניע, איז ארויס מיט א גרויסען ערפאלג. דאס פובליקום איז די גאנצע צייט געזעסען געשפאנט דורך דעם כשרי בעטעגענען א דאלט פון דער פיעסע.

היינט אווענט ווערט ווידערהאלט די פרעמיערע „גאט פון ליבע". מארגען, מאנטאג, ווערט געגעבען א פאפולערע פערשטעלונג „די גרינע כלה". אין די הויפט-רעלען די בעליבטע ארטיסטען אנא יאקו-באוויטש און ה. זעליג אויך מיט אנדערע שעפער פערזאנען-נוטשין.

שאדען פון לאדזער טעקסטיל-סוחרים דורך א באנקראט פון א ווילנער פירמע.

(ע) נעכטען האבען די לאדזער סוח-רים בעקומען א ידיעה פון ווילנא, אז דארט האט באנקראטירט די טעקסטיל-פירמע מ. קוקיעל. די לאדזער סוחרים, וואס האבען א שאדען פון 120 טויזענד זל., נעמען אנטייל שרים, כדי אויפ-צומאכען זייערע חובות.

Dr. med, H. Lubicz

צעגעלניאנא 43 — טעל. 41-32

איז צוריקגעקעהרט.

ספעציאליסט פאר הויט, פענערישע און מענער-שוואכע קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל)

נעמט אן פון 8—10 און פון 5 —8 אווענד.

Dr. med. STUPEL

12 SZKOLNA 12

ספעציאליסט פאר הויט, האר און ווענערישע קראנק-הייטען, מענער-שוואכע, רענטגען-שטראהלען און קווארץ-ליכט עלעקטרא-טעראפיע.

נעמט אן פון 8—9 אווענד

Dr. med.

M. GLAZER

ul. ZIELONA 6 טעל. 45-49

הויט און וועגערישע קראנקהייטען.

נעמט אן פון 8—9.30 12—2 און 7—8 אוו.

ווילסטו, אז דיין קינד זאל קענען לשון-הקודש אין ווארט און שריפט? ווילסטו, אז דיין קינד זאל קענען תנ"ך, אויך חומש רש"י? ווילסטו, אז דיין קינד זאל שרייבען לשון-קודש אהן שגיאות? דאן דינג איהם אן בײם לעהרער:

א. איטקין, קאנסטאנטינער-גאס 38, פראנט.

פרייז שטאט ביליג נור 10 גילדען א מאנאט.

ערפאלג געזיכערט.

Dr. med, S. Kantor

ספעציאליסט פאר הויט- וענערישע, און האר-קראנקהייטען. רענטגען- און הייל-ליכט-קאבינעט

פיעטריקאווער 144, רוג וואנגעליצקא

טעלעפאן 29-45.

נעמט אן: פון 8—2 און פון 6—8 פאר פרויען א בעזונדער ווארטע-צימער — פון 5—6 נאכט.

נעמט אן אין דער לעטשניצע „סאניטאס" ציגעל-גאס 29 פון 2—4.

פאר 2 יונגעלייט

אנ'ארט צו שלאפען ביי אנ'אנשטענדיגער פאמיליע, קילינסקא 60, וו. 35.

וכי תמכור ממכור לעמיתך או קנה מיד עמיתך, אל תונו איש את אחיו!

אין מאגאזין ווערט דיך דיין חבר אפנארען, זאלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביורא פיעטריר. 17, דורכגאנג (זאכאדניא 52) ווערט לויט'ן אוסטאח געהיטענהאפט פרייע-דיגען אלערליי בימעס, סלאוועלעם זאַ-טעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אפעזיציעס, אד-מיניסטראציעס, ריקורסען — חענעוקמאנ-צעסיעס, פעסער אין קאמיסער.-זשאנדר, ביטעס אין אלע פאליצאי-בעצירקען, שוית-פות-אקטען, סטאטוטען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דאראוויזונגען, קארנע סטראוועס, חי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.

שנעל, ריכטיג און ביליג!

מיט אכטונג י. מאנעלא רעכטסקאנסולענט

פיעטריקאווער 17, זאכאדניא 52.

א מעבלירט צימער

צו פערמיעטען. קראשערען זאכאדניא 29 ו.ו 3.

לאדזשער טאגעבלאט

רעדאקציע און אדמיניסטראציע פיעטרקאווער 16. טעלעפאן 57.

רעדאקטאר דער נאכט-אהן פון 6 ביז 7 אין אווענד.
נישט בעשטעלטע מאנוסקריפטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

אדרעס: „Lodzer Tageblat“, Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57. אדמיניסטראציע 47.

די לעצטע ראנגלענישען פון אונבעהאלפענעם סיים.

די לעצטע זיצונגען פון סיים און זיינע קאמיסיעס, וועלכע ארבייטען איצט גראד זעהר פיבערהאפט, מאכען א טראגי-קאמישען איינדרוק.

דער נופס'דיגער סיים, וואס לעבט נאר מיט'ן חסד פון דער רעגירונג, פיהלט זיך שוין נישט פעהיג צו ממשות'דיגער ארבייט. ווייל ער ווייסט, אז מיט'ן כח פון זיין איצטיגער מעהרהייט זיך פערזיכערן עולם-הבא, ד. ה. א שטארקע פערטרעטונג אין קומענדיגען סיים.

כדי דאס צו דערגרייכען שטרעבט די סיים-מעהרהייט די לעצטע טרעפטען אדורכצופיהרען די ענדערונג פון דער וואהל-ארדינאציע, אין וועלכער די רעכטע זעהן זייער איינציגע רעטונג נאך זייערע לעצטע מפלות.

די היינטיגע סיים-מעהרהייט ווייס גאנץ גוט, אז איהרע מפלות ווערען פערורזאכט דער עיקר דורך דער איצטיגער רעגירונג, און וועמענס שפיץ עס שטעהט מארשאל פילסודסקי, מחמת דעם האט טאקי די כיענא-פיאסט-מעהרהייט בעשלאסען אנצוגרייפען די רעגירונג אומעטום, וואו זי האט נאר די מעגליכקייט.

דאס איז דער זין פון'ם בעשלוס פון דער סיים-קאמיסיע, מבטל צו מאכען דעם פרעסע-דעקרעט, וועלכער איז שוין ארויס אין קראפט, און דאס אפנעמען דאס וואהל-רעכט ביי העכערע מיליטערישע בעאמטע.

דאס איז אויך די סיבה וואס „מאפס“ האט געשלאסען א שטילען אפמאך מיט „פ.פ.ס.“ ביי די פרעזידיום-וואהלען צום ווארשעווער מאגיסטראט. אלע מיטלען זענען פאר זיי כשר, אבי צו דערווייטערען די רעגירונג-אנהענגער, די סאנאטארען פון דער מאכט.

אהן א ספק, אז די רעכטע סיים-מעהרהייט וואלט גרייט געווען איבערצולאזען דעם פרעסע-דעקרעט און דאס שטים-רעכט פאר אפיצירען, ווען די רעגירונג זאל ערקלערען איהר הסכמה צו ענדערן די וואהל-ארדינאציע.

ס'איז דאך פאר אלעמען קלאר, אז די שטימונגען און כחות-פערהעלטנישען אין לאנד האבען זיך אין דער לעצטער צייט געענדערט לטובת די לינקע גרופירונגען. דאס בעווייזען אויך א גאנצע-צוויי-דריי-דייטיגען אויפן די וואהלען צו די שטאטישע און דארפישע זעלבסט-פערוואלטונגען. די רעכטע ווייסען דעריבער גאנץ גוט, אז זייער ראל קאן בעטראכט ווערען נאך אפגעשפילט, ווען מ'וועט נישט ענדערען די וואהל-ארדינאציע לטובת זיי אויפ'ן חשבון פון די נאציאנאלע מינדערהייטען און די ראדיקאלע עלעמענטען.

זיי ווייסען אבער, אז זיי זענען היינט שטרויענע העלדען, אז נישט אין זיי איז אפהענגיג דער גורל פון פוילישען פארלאמענטאריזם, נאר אין דער רעגירונג.

די רעגירונג קאן צו יעדער צייט שליסען די סעסיע און אפילו פונאנדערלאזען דעם סיים, נישט אנפרעגענדיג ביי קיינעם.

עס מאכט דעריבער א טראגי-קאמישען איינדרוק, דער קאמף אין די קאמיסיעס איבער יעדען פונקט און פאראגראף, אין דער צייט, וואס מען ווייס דארט, אז די דעה, האט סוף כל סוף, נישט דער סיים נאר פילסודסקי.

די בעשלוסען פון די קאמיסיעס, וועלכע זענען מבטל די פעראָרדנונגען פון דער רעגירונג, זענען אנ'אויסדרוק פון אונמעכטיגקייט. דאס איז א קאמף פון א חלוש אהענגע א ריז, וועלכער איז נאך נעפעהרליכער דער-מיט, וואס ער שווייגט און גיט נישט אויס זיינע כוונות. דאס גאנצע ראנגלען דערום זיך צו מיט דער נרעסטער שפאנונג צום לעצטען אקט פון דער דאזיגער טראגי-קאמעדיע!

בי-משה.

39 יודישע בית-עלמינס אין דייטשלאנד געשענדעט.

בערלין. (י. ט. א.) ווי עס ווערט אויסגערעכענט אין דער צייטשריפט „שילד“, ארגאן פון פערבאנד פון יודישע פראנט-סאלדאטען. זענען אין דער צייט פון נאוועמבער 1923 ביז מאי 1927 פארגעקומען אין דייטשלאנד 39 בית-עלמין-שענדונגען.

ווי בעקאנט, האט דער „צענטראל-פעראיין“ זיך געווענדעט צו די געהעריגע מיניסטעריומס פון אלע דייטשע לענדער מיט א מעמאריאל וועגען דער בארבארישער ערשיינונג. די גרעסטע טייל פון די רעגירונגען האט שוין גע-ענטפערט, אז די זיכערקייטס-מאכט איז אויפגעפאדערט געווארען ארויסצוווייזען מעהר וואכזאמקייט און שטרענגקייט ביים בעקעמפען אזעלכע שענדליכע טאטען.

וועגען דער קאנסטיטוציע פון עבר-הירדן.

ירושלים. (י.ט.א.) ווי מען טיילט מיט, ענטהאלט די נייע קאנסטיטוציע פון עבר-הירדן אנ'ארטיקעל, וואס שטעלט פעסט די פולשטענדיגע זעלבשטענ-דיגקייט פון דעם לאנד אין בעצוג צו ארץ-ישראל. דער נציב-העליון פון ארץ-ישראל וועט נישט זיין הויך-קאמיסאר פון עבר-הירדן נאר אויסשליסליך א פארשטעהער פון גרויס-בריטאניען בע דער רעגירונג פון עבר-הירדן.

עס ווערט בולט אונטערגעשטראכען, אז די אפיציעלע שפראך פון לאנד איז די אראבישע און די מלוכה'שע רעליגיע איז די מוזולמענישע.

ארץ-ישראל רעפרעזענטירט אויפ'ן אינטערנאציאנאלען ארבייטס-קאנגרעס.

ירושלים (י.ט.א.) די „הסתדרות העובדים“ האט בעשלאסען צו שיקען צוויי-דעלעגאטינס אויפ'ן אינטערנאציא-נאלען ארבעטערינס-קאנגרעס, וואס דארף פארקומען אין חודש אויגוסט ה. י.

ס'מוז געשאפען ווערען א יודישע אינטער-טעריטאריאלע ארגאניזאציע צו בעשיצען די יודישע רעכט.

פראפ. שמעון דובנאוו וועגען די אויפגאבען פון דער פארשטעהענדער קאנפערענץ אין צידיך

ווי בעקאנט, האט זיך ארום דער פראגע וועגען צונויפרופען די אלוועלטליכע קאנפערענץ צו בעשיצען די יודישע רעכט, וואס דארף פארקומען און חודש אויגוסט אין צוריך, פינאנצערגעפלאקערט א היציגע דיסקוסיע אין אמעריקא און אייראפא.

דער פארזיצענדער פון יוד.ש.-אמעריקאנער קאמיטעט לואי מארשאל און הרב הפילל פון פראנקרייך לעווי זענען ארויסגעטרעטען געגען דער דאזיגער קאנפערענץ.

דאנעגען האבען דעם פלאן צונויפצורופען די קאנפערענץ הייס פערטיידיגט דער פרעזידענט פון יודיש-אמעריקאנישען קאנגרעס דר. סטעפען וויז אין דער פארזיצער פון קאמיטעט פון די יודישע דעלעגאציעס אין פאריז ה' לעאן מאצקין.

די יט"א האט זיך געווענדעט צום בעריהמטען יודישען היסטאריקער פראפעסאר דובנאוו, ער זאל זיך ארויסזאגען וועגען דער דאזיגער וויכטיגער פראגע. פראפ. דובנאוו האט פארמולירט זיין שטעלונג אין פאלגענדען בריף צו דער יודישער טעלעגראפען אגענטור:

פון אונזערע לעצטע טעלעגראמען האב איך זיך דערוואוסט וועגען דער פאלעמיק צווישען דעם אמעריקאנער פון פראנקרייך, ישראל לעווי און ד"ר לעא מאצקין איבער די קומענדיגע קאנפערענץ צום שוץ פון יודישע מינדערהייטען. דאס איז שוין די צווייטע פאלעמיק נאך דעם אמעריקאנער ווארט-וועקסעל צווישען לואי מארשאל און סטעפען וויז. איך וואלט זיך נישט אריינגעמישט אין דער דאזיגער מחלוקת, אויב דא וואלט נישט געווען בעריהרט די וויכטיגסטע פרינציפיעלע פראגע פון דעם נאציאנאלען יודישען לעבען. די פראגע שטעהט אזוי: נאכדעם ווי די פרידענס-טראקטאטען האבען פארמעל אנערקענט די מזרח-אייראפעאישע קיבוצים אלס פאלקס-מינדערהייטען, וועמענס רעכט שטעהען אונטער'ן שוץ פון פעלקער-בונד, מוז געשאפען ווערען א יודישע אינטערטעריטאריאלע ארגאניזאציע וואס זאל קאארדינירען אלע אקציעס צום שוץ פון די דאזיגע רעכט אין פערשידענע לענדער. פוילען, רומעניען, אונגארן, ליטע, לעטלאנד. א דייטשע מינדערהייט אין פוילען, אוסטריען אדער טשעכאסלאוואקיען קען אפעלירען דורך דייטשלאנד'ס פערשטעהער אין פעלקער-בונד. דאס יודישע פאלק האט דארט נישט זיינע פערשטעהער, מוז מען שאפען א פאלקסמיניום, וואס זאל זיין דער יודישער פערמיטלער אין אזעלכע פאלען, ווען די אינטערנאציאנאל-גאראנטירטע יודישע מינדערהייטס-רעכט ווערען פערלעצט. דאס איז דער איינציגער וועג פאר יודישע פאליטיקער, אויב זיי ווילען זיך נישט אומקערען צו דער אלטער הינטער-טירי-פאליטיק, צו שתדלנות און דערנידריגענדע פערזענליכע בקשות ביי מיניסטארען און דיפלאמאטען, וואס הייסט זאגען זיי ביים רודער און מארגען ווערען זיי פערשוואונדען.

מען טאר נישט פערגעסען אויך זאך: אין דער פארקריגס-צייט האבען יודען געקעמפט פאר זייער עמאנציפאציע, אדער פאר דער פערווירקליכונג פון דער געגעבענער עמאנציפאציע אין יעדען לאנד באזונדער און אין געוויסע פאלען אויך דורך דער וועלט-פרעסע, אדער פעראייניגטע דיפלאמאטישע פארשטעלונגען. היינט האבען מיר דאס רעכט צו אפעלירען צו יענע אינטערנאציאנאלע אינסטאנצען וואס האבען גאראנטירט אלע מינדערהייטס-רעכט אין דער נייער אייראפעאישער אייראפא. עס איז א גרויסער טעות אין דער מיינונג, אז מינדערהייטס-רעכט הייסט נאר נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע. ניין, דאס זענען אלערליי רעכט פאר מינדערהייטען — בירגער-רעכט, פאליטישע רעכט און קולטורעלע. קעמפען דאך ביי דייטיגער צייט יודען אין רומעניען, אדער פוילען, פאר דעם, אז מען זאל זיי נישט שלאגען אין די גאסען, נישט ארויסווארפען זייערע סטודענטען פון די שולען. אפשאפען דעם „נומערוס קלאוזוס“, צולאזען צו מלוכה-שטעלעס און עפענטליכע ארבייטען א.א.וו. און ווען זיי פאדערען מלוכה-סובסידיעס פאר יודישע שולען — איז דאס איינגעזעליך? אזוי מען דאך אלע מינדערהייטען.

מען זאגט, אז עס איז א סכנה ארויסצושטעלען די עלט-נאציאנאלע יודישע קיבוצים אין מזרח-אייראפא אלס נאציאנאלע מינדערהייטען, ווייל דאס ווארט „נאציאנאל“ בנוגע די יודען איז נישט דערמאנט אין די פרידענס-אפמאכען. אבער אפילו יענע אסימילירטע מערב-יודען, וואס טענה'ן אזוי, מוזען דאך אויך מודה זיין, אז יודען זענען אין אלע לענדער ווענן נעהמט א רעליגיעזע מינדערהייט, — קאנען זיי דערלאזען, אז די רעכט פון אזא מינדערהייט זאלען פערלעצט ווערען אהן קיין שום פראטעסט? איז דעם געהרטען גרויס-ראבינער פון פראנקרייך נישט פערדראסיג, ווען מען שלאגט א יודישען סטודענט אין יאסי, אדער בוקארעסט, אלס מיטגליד פון א רעליגיעזער מינדערהייט, ווי ער מיינט, אדער אלס מיטגליד פון א נאציאנאלער מינדערהייט, ווי די נישט-אסימילירטע רומענישע יודען אליין מיינען?

מען זאגט, אז עס איז א סכנה צו שאפען אן אינטערטעריטאריאלע יודישע ארגאניזאציע צום רעכט-שוץ פון יודישע מינדערהייטען, אבער די, וואס זאגען דאס טרעטען זעלבער אליין ארויס אין נאמען פון יודענטום דורך אזעלכע ארגאניזאציעס. ווי „אליאנס איזראעליט“ — כל ישראל חברים, דאס גרויסע ווארט „אוניווערסעל“, פערנעמען זיי אלט אין פאריז. „דזשאינט פארעין קאמיטע“ אין לאנדאן, „אמעריקא דזשואינט קאמיטע“ אין אמעריקא און אנדערע אינטערטעריטאריאלע יודישע ארגאניזאציעס איז נישט פאקטישער פאר דער אויסערוועלט, אז אין נאמען פון יודישען פאלק זאל ארויסטרעטען איין איינציגע בעפולמעכטיגטע אל-יודישע ארגאניזאציע, איידער פיר אדער זעקס אליאנסען און קאמיטעטען וואס קאנען זיך אפט נישט פערשטענדיגען איינער מיט די אנדערע?

די קאנפערענץ פאר רעכט-שוץ פון יודישע מינדערהייטען מוז צונויפגערופען ווערען און מיר דארפען זאגען א גרויסען „יישר כח“ ד"ר מאצקין און ראבינער סטעפען וויז פאר זייער איניציאטיווע צונויפצורופען אזא קאנפערענץ פון די פארשטעהער פון אלע יודישע ארגאניזאציעס, נאציאנאלע און פאליטישע גרופירונגען. די קאנפערענץ דארף שאפען א דעמאקראטיש-אויסגעוועהלטען צענטרום, וואס זאל פערטרעטען אינטערעסען אין דעם שווערען יודישען „קאמף פאר רעכט“.

(—) ש. דובנאוו.

וואס יודען האבען אויפגעטון אין דער לופט-פליהעריי?

אין 1893 איז א יוד מיט'ן נאמען שווארץ געקומען מיין פעטערבורג און פארגעשלאגען אויפצובויען א לופט-שיף פון אלומינום.—דער יוד הוגא ליליענטאל און זיינע עקספערימענטען—טשארלס לעווינ'ס אויפטו.

פון ל. בּאראדוליו.

II.

נאך מיט א יאהר פריהער פאר סאנטאס-דומאנט'ן האט שווארץ בעשאפען א גאנצע מעטאל פון א לופט-שיף. דאס נייע איז בעשטאנען אין דעם, וואס דער קערפער פון באלאן איז געמאכט געווארען נישט פון לייוונט, ווי אלע פריהערדיגע באלאנען, נאר פון דינעם אלומיניום. די לייוונטענע באלאנען האבען דערפאר נים געפאסט, ווייל זיי זענען שטענדיג געווען אין געפאהר צו פלאצען פון דעם דרוק פון די גאזען, וואס זיי האבען אין זיך ענטהאלטען — איבערהויפט, ווען דער באלאן האט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך, וואו די לופט איז שיטערער. דערצו איז דער לייוונטענער באלאן געווען ווייך און בויגיג, און דאס איז געווען א גרויסער שטערונג, אז האט זיך ווייטער ענטוויקלען נישט געקאנט. שווארץ האט אבער פארגעשלאגען צו מאכען דעם באלאן פון דעם לייכטען מעטאל אלומיניום. דער געדאנק איז געווען זעהר א דרייסטער און געוואגטער. שווארץ אליין האט אויף דעם געביט קיין ערפאלג נישט געהאט. ער האט אבער בעשאפען א נייע עפאכע אין דער ענטוויקלונג פון לופט-שיפען. אנדערע האבען פון דערנאך זיין געדאנק אויסגענוצט און ענטוויקעלט די לופט-שיף צו דער איצטיגער מדרגה.

אין יאהר 1893 איז שווארץ געקומען מיט זיין פלאן קיין פעטערבורג און דארט פארגעשלאגען אויפצובויען א לופט-שיף פון אלומינום. די רעגירונג האט איהם געגעבען די מעגליכקייט און שווארץ האט אויפגעבויט דעם ערשטען מעטאלענעם באלאן. די אונטערנעהמונג איז געווען א פולשטענדיגער דורכפאל. אבער דאס איז געווען צו ערווארטען. אזעלכע גרויסע אונטערנעהמונגען מיט אזא ברייטען פערנעם, הויבט מען נישט אן מיט אמאל. צו אזעלכע זאכען מוז מען צוקומען לאנגזאם, שטופענווייז, מאכענדיג שטענדיג נייע עקספערימענטען און פארבעסערונגען, שטענדיג די ווייטערע מעגליכקייטען. שווארץ האט געוואלט ענדערען זיינע פלענער אויפ'ן גרונד פון די ערפאהרונגען, וואס ער האט געלערנט פון דער ערשטער מאשין, אבער די רוסישע רעגירונג האט איהם מעהר נישט געוואלט שטיצען. מען האט פערלאהרען צו איהם דעם צוטרוי.

שווארץ איז אוועק קיין בערלין און גע'פועל'ט ביי דער דייטשער רעגירונג, אז מען זאל איהם געבען די מעגליכקייט אויפצובויען א מעטאלענע לופט-שיף.

אין יאהר 1897 איז זיין לופט-שיף פערטיג געווארען. זי איז געווען 157 פוס לאנג, ד. ה. כמעט צוויי מאל אזוי פיל לאנג ווי די גרעסטע לופט-שיף פון סאנטאס-דומאנט'ן, און האט ענטהאלטען 130 טויזענד קוביק פוס גאז, ד. ה., אז ערך 23 מאל אזוי פיל גאז ווי די לופט-שיף פון סאנטאס דומאנט'ן. זיין מאטאר איז געווען פון 12 פערד-קראפט, ד. ה. אז ערך פיל מאל מעכטיגער ווי די לופט-שיף פון סאנטאס-דומאנט'ן. אין דער נייער לופט-שיף זיינער האט שווארץ אריינגעלייגט די אלע ערפאהרונגען, וואס ער האט געלערנט דורך דעם דורכפאל אין פעטערבורג.

די נייע לופט-שיף האט זיך אליין אויפגעהויבען אין דער הויך. פליהען פאראויס האט זי נישט געקאנט. זי האט זיך אבער געהאלטען ענטקעגען א ווינט, וואס האט געבלאזען מיט דער קראפט פון 17 מייל א שעה. דאס הייסט, אז ביי א שטילער וועטער וואלט זי געקאנט פליהען מיט דער שנעלקייט פון 17 מייל א שעה. אבער ביי יענע בעדינגונגען און ביי יענער שטופע פון ענטוויקלונג פון א לופט-שיף, וואס איז געבויט מיט א נייעם פערנעם און אויף א נייעם פרינציפ איז עס געווען א זעהר גרויסער ערפאלג. אבער א פאר טעג שפעטער איז דער ריזיגער אלומינירטער קערפער פערניכטעט געווארען דורך א פארפאל.

מעהר דאס מען פון שווארץ'ן נישט געהערט און מעהר האט ער גארנישט אויפגעטאן. אבער שווארץ איז געווען דער וואס האט בעשאפען דעם געדאנק פון א שטייפען, נישט בויגענעם קערפער פון א לופט-שיף. דער דייטשער גראף צעפעלין האט דאס אונטערגענומען דעם געדאנק און זיך אויך דערביי בענוצט מיט די ערפאהרונגען, וואס ער האט געלערנט פון דוד שווארץ'ס עקספערימענטען. דער קערפער פון זיין לופט-שיף האט צעפעלין געמאכט נאך לענגער ווי ביי שווארץ'ן. אנשטאט דעם, אז דער קערפער פון באלאן זאל זיין אינגאנצען פון אלומיניום, האט ער פון דעם מעטאל געמאכט נאר דעם סקעלעט פון באלאן און דאן נאר דעם באלאן בעדעקט מיט זייד שטויס געדיכטען טעמזירטען לייוונט.

זיין לופט-שיף האט ער אנגערופען „צעפעלין“ — א נאמען נאך זיך אליין. צעפעלין דערנאך געעפענט אין פרידריכסהאפען א פאבריק פון לופט-שיפען, און נאך ביז איצט איז די גרעסטע לופט-שיף-פאבריק אין דער וועלט. דער דירעקטאר און הויפט-אינזשעניער פון דער פאבריק איז דער יוד דר. עקענער, וועלכער ווערט בעטראכט אלס דער גרעסטער ספעציאליסט פון לופט-שיפען און אונזער צייט. און אט דער פאבריק און אונטער דער אויפזיכט פון דר. עקענער איז עס אויפגעבויט געווארען די גרעסטע לופט-שיף אין דער וועלט, וועלכע האט זיך פריהער גערופען „די-אר-3“ און וועלכע רופט זיך איצט „לאס-אנדזשעלאס“. די דייטשע רעגירונג האט די לופט-שיף איבערגעגעבען צו אמעריקא לויט א געוויסען פונקט אין דעם שלום-אפמאך. און דר. עקענער האט די לופט-שיף געבראכט פון דייטשלאנד ביז דעם הענגער אין ניו-דזשוירזי, אריבערפליהענדיג דעם אטלאנטישען אקעאן.

* * *

דער געדאנק צו פליהען אין דער לופטען אויף דעם פרינציפ „שווערער פון לופט“, איז א סך עלטער ווי דער געדאנק וועגען באלאנען. פון אנהויב האט מען זיך פערגעשטעלט, אז מען וועט קאנען פליהען אין דער לופטען מיט דער הילף פון מעכאנישע פליגלען, מיט וועלכע מען וועט „פאטשען“ אין דער לופטען אויף און אראפ, ווי די פייגלען. אבער מיט דער ענטוויקלונג פון דער מעכאניק אלס א פאזיטיווע וויסענשאפט, האט מען זיך ארומגעזעהען, אז דאס איז אבסאלוט נישט מעגליך. האט מען אויפגעהערט נעהמען א ביישפיל פון פייגלען און מען האט זיך פערקוקט אויף די פאפירענע קינדערישע שלאנגען. אבער געצילט האט מען נישט אויף די געוועהנליכע פאפירענע שלאנגען, נאר אויף יענע, עפעס מעהר קאמפליצירטע, וועלכע קומען אין דער פארם פון אפענע פאפירענע קעסטלעך און וועלכע מען רופט אין ענגליש „באקס-קאיטס“. אזעלכע שלאנגען איז עפעס שווערער צו לאזען פליהען; דערפאר אבער, ווען זיי הייבען זיך אויף, פליהען זיי רעגלער און קאנען אפהייבען א לייכטע משא.

אינטערעסאנט זענען די עקספערימענטען, וואס זענען אין די יאהרען 1905 און 1906 דורכגעפיהרט געווארען פון פראפעסאר בעל, דער ערפינדער פון טעלעפאן. ער האט צוזאמענגעשטעלט ריזיגע „באקס-קאיטס“, גרויס ווי א הויז, וועלכע זענען בעשטאנען פון הונדערטער באזונדערע קעסטלעך און זיי געלאזט פליהען. זיינע „שלאנגען“ האט ער ענדליך ענטוויקעלט צו א מאטאר. זיי האבען געקאנט אויפהויבען א מענשען אין דער לופטען. אבער דאס זענען אליין געווען פרובלאזען פראבען, וואס האבען קיין פראקטישע רעזולטאטען מיט זיך נישט געקאנט ברענגען.

דא איז מען פריהער פון אלץ אפגעגאנגען פון דער נאטורליכער בעוועגונג פון דער לופט. און אזוי ווי די נאטורליכע בעוועגונג פון לופט איז נישט גענוג שטארק אויפצוהאלטען א גרעסערע מאשין, און אזוי ווי די ווינטען זענען נאך לויט די מינדעסטע בעשטענדיגקייט, איז געווארען קלאר, אז כדי די מאשין זאל פליהען אין דער לופטען, דארף זי האבען אנ'אייגענעם מאטאר און אנ'אייגענעם טרייב-שרויף וואס זאל שאפען אנ'אייגענעם ווינט און טרייבען די מאשין.

דער ערשטער צו בעשאפען אזא פליה-מאשין, וואס זאל זיך טראגען אין דער לופטען מיט דער הילף פון אנ'אייגענעם טרייב-שרויף, איז געווען פראפעסאר לאנגלעי, דער דעמאלסטיגער סעקרעטאר פון „סמיטסאניאן אינסטיטוציאן“ אין וואשינגטאן.

אין 1896 האט ער אין וואשינגטאן אויפגעבויט זיין ערשטע מאשין, וועלכע ער האט אנגערופען „עירדראם“ (איצט איז עירדראם די סטאנציע פאר אעראפלאנען). די מאשין זיינע האט זיך, צוזאמען מיט'ן פליהער געהאלטען עטליכע מינוט אין דער לופטען, האט זיך אויפגעהויבען עטליכע צענדליג פוס הויך און געפלויגען עטליכע הונדערט פוס ווייט. זי האט זיך אבער באלד איבערגעקערט, איז אראפגעפאלען און צושמעטערט געווארען. ער האט אויפגעבויט אינגאנצען נאך דער צווייטער עטליכע מאשינען אזעלכע, און יעדע פון זיי האט געהאט דעם זעלבען סוף.

לאנגלעי'ס חסרון איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער איז געווען א טעאָרעטיקער און נישט קיין פראקטישער מענש. זיין מאשין האט ער געבויט אויפ'ן גרונד פון מאטעמאטישע בערעכענונגען און ניט אויף פראקטישע ערפאהרונגען. די פראקטישע ערפאהרונגען אויף דעם געביט זענען דאן נאך בכלל נישט געווען און ווען זיין מאשין איז פערטיג געווארען און ער האט געמאכט א פערזוך צו פליהען, האבען זיך ארויסגעוויזען אלע אירע פעהלערן אין דער דורכפיהרונג פון דער מאשין און געווען, וואס זי האט נישט געהאט קיין גלייכגעוויכט. אין אזוי לאנג, ווי זי איז געהאלטען געווען בעוועגלעך, האט זי זיך געקאנט האלטען, אבער ווי נאר די בעוועגונג פון לופט האט אויף א ביסעל א קעהר געטאן, האט זי פערלוירען איהר גלייכגעוויכט, זיך איבערגעקערט און אראפגעפאלען.

דער קריזיס אין דער דיאמאנטען-אינדוסטריע אין אנטווערפען און אמסטערדאם.

טויזענדער יודישע פאמיליעס ליידען פון קריזיס.

אנטווערפען (י.ט.א.) דער שווערער קריזיס, וואס האט לעצטענס ארומגעכאפט די דיאמאנטען-אינדוסטריע אין אנטווערפען און אמסטערדאם האט געשטעלט אין א זעהר שווערער לאגע טויזענדער יודישע פאמיליעס. פון דעם 11-טען יולי ווערט אבגעשטעלט ווערען די ארבייט אין אלע אונטערנעמונגען פון דער אינדוסטריע אין אנטווערפען און שפעטער אויך אין אמסטערדאם. דער דאזיגער שריט שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די בעשלוסען פון דרום-אפריקאנישען סענאט, וועלכער האט אפגעווארפען דעם געזעץ וועגען בעגרעניצען די דיאמאנטען-אינדוסטריע אין לאנד.

די דיאמאנטען-אונטערנעמער אין אנטווערפען, פיהלענדיג, אז זייערע ווירטשאפטליכע פאזיציעס זענען שטארק בעדראהט, האט בעשלאסען אויך א געוויסע צייט אבצושטעלען די פראדוקציע. מען קען נישט פאראויס וויסען, ווי לאנג די דאזיגע לאגע וועט דויערען. דערווייל אבער פערלירען ארבייט העכער 15 טויזענד ארבייטער.

די צאהל ארבייטער אין אמסטערדאם, וואס וועלען פאלען אלס קרבן פון קריזיס, וועט זיין נאך גרעסער. די גרעסטע טייל ארבייטער, וואס זענען בעשעפטיגט ביי דער דיאמאנטען-אינדוסטריע אין ביידע שטעט, זענען יודען.

לאנדווירטשאפטליכער פארשונגס-אמט פאר די ענגלישע קאלאניעס און מאנדאט-לענדער.

לאנדאן. (י. ט. א.) אין הסכם מיט די בעשלוסען פון דער קאלאניאל-קאנפערענץ פון דער ענגלישער אימפעריע, האט דער קאלאניאל-מיניסטער בעשטימט א קאמיסיע, וואס זאל אויסארבייטען א גענויען פלאן פון דעם וויסענשאפטליכען פארשונגס-אמט, וואס דארף אונטערזוכען די בעדינגונגען פון דער ענטוויקלונג פון לאנדווירטשאפט אין פערשידענע קאלאניעס- און מאנדאט-לענדער.

אויך ארץ-ישראל וועט בעריקזיכטיגט ווערען אין דעם ארבייטס-פלאן פון נייעם פארשונגס-אמט. בראש פון דער קאמיסיע שטעהט דער וויצע-מיניסטער ארמסביי גאר.

א דענקמאל פאר שערלאק האלמס,

דעם פאנטאסטישען העלד פון די דעטעקטיוו - ראמאנען.

—————

מיט א צייט צוריק האט דער בעריהמ־טער ענגלישער שריפטשטעלער קאנאן דאיל, וואס האט דערגרייכט צו א אוי־סערגעוועהנליכע פאפולאריטעט מיט זיי־נע דעטעקטיוו־ראמאנען „שערלאק האלמס" אנגעשריבען דאס לעצטע ביכעל פון דער דאזיגער סעריע ראמאנען, אין וועלכען ער לאזט זיין שארפזיניגען דעטעקטיוו שטארבען מיט א משונה'דיגען, טויט ארפ־גאל ווריג פון א הויכען פעלז.

דאס לעזע - פובליקום פון ענגלאנד, וואס האט זיך מיט זיין בעליבטען העלד נישט געקאנט שיידען, האט פשוט פאר־וואָרפען מיט בריף דעם מחבר, ער זאל ראטעווען דעם אונגליקליכען „שערלאק האלמס", ד. ה. ער זאל אנשרייבען א נייע בוך, אין וועלכען דער העלד ווערט אויף א וואונדערליכען אופן בצול פון טויט און נעמט ווייטער אונטער זיינע געוואג־טע קאפ־ברעכערישע שטיקלעך.

קאנאן דאיל, וואס האט אין די לעצ־טע יאהרען א בעזונדער גייגונג צום ספיריטיזם, אינטערעסירט זיך אבער מעהר נישט מיט זיינע אנגעשריבענע דעטעקטיוו־געשיכטען און ער איז ארויס מיט א גרויסער ענגלישער צייטונג מיט א לאנגער ערקלערונג, הלמאי דאס איז אזוי, און גיט אנצוהערענישען, איהם צורוה־לאזען.

קומט אבער דער גרויסער ענגלישער שרייבער טשעסטערטאן, וואס מיר האָ־בען איהם ערשט דא נישט לאנג געהאט אלס גאסט אין פוילען, וועלכער איז נישט ווייניגער פאפולער טאקי, ווי קא־נאן דאיל און טענה'ט, אז שערלאק האלמס, האט זיך כשר פערדינט, מען זאל איהם שטעלען א דענקמאל. און דער מחבר האט זיך מיט איהם נישט וואס צו שעמען. אזויפיל גענעראלען, ארמעע־פיהרער און סתם מיוחסים, טענה'ט דער ענגלישער גרויסער שרייבער, האבען מאנומענטען, מעג נישקשה, אזא העלד, ווי שערלאק האלמס, דער פאנטאזיאר, אויך האבען א מאנומענט. האט זיך טא־קי אין לאנדאן איצט געבילדעט א קא־מיטעט פון מענשען, בעז ועמען טשעס־טערטאנ'ס רייד האבען געפינען אנ'אפ־קלאנג און קלייבען זיך אויסצופיהרען דעם פראיעקט...

אינטערעסאנט איז, וואס דער בעקאנ־טער פראנצויזישער קרימינאליסט לא־קארד, וועמען מען בעטראכט פאר דעם לעבעדיגען שערלאק האלמס, וואס האט אויך אנגעשריבען א גאנץ בוך וועגן די לעהרען, וואס די קרימינאליסטיק קען ארויסנעמען פון שערלאק האלמ'ס פאנ־טאסטישע איינפאלען, האט אזוי שטארק בעדויערט דעם טויט פון דעם „ליטע־ראַרישען שערלאק האלמס" אז ער האט צוגעשיקט דעם מחבר א קאנדאלענץ־דעפעש.

מערקווירדיגער איינצעלהייטען איבער דער געהיימניספולער גרעפין,

וואס האט פאראויס געזאגט די וויכטיגסטע וועלט־געשעהענישען

—————

אין רוים איז דא נישט לאנג געשטאר־בען גרעפין אוירעליא און איהר טויט האט ארויס גערופען א סך אויפזעהען נישט נאר אין איטאליע, נאר אין פיל אנדערע לענדער פון אייראפא.

איהר פאפולאריטעט האט זי פערדינט ניט מיט איהרע זעלטענע גרויסע מעלות, מיט איהר פריינער בילדונג און פער־זענליכער צוציהונגס־קראפט, אבער נאר מעהר מיט איהרע געהיימע כחות ארויס־צוזעהן אין דער צוקונפט און פאר־אויסזאגען זאכען וואס וועלען שפעטער געשעהען.

פיל געלערנטע האבען זיך יאהרען לאנג בעשעפטיגט מיט שטודירען איהרע איינזעהשאפטען.

צווישען די מענשען, וועלכע זי האט געטראפען געפינט זיך אויך מוסאליני, וועלכער איז פאר איהר פארגעשטעלט געווארען, נאך איידער ער איז געווען דער דיקטאטאר פון איטאליען.

באלד ווי זי האט א קוק געטאן אויף איהם האט זי אויסגערופען:

— איך זעה פאר זיך דעם קומענדיגען דיקטאטאר פון איטאליען!

— וועמען מיינט איהר? האט מוסא־ליני געפרעגט.

— טאקע אייך!

מוסאליני האט זיך פונאנדערגעלאכט

— איהר ווילט, דייטש עס, שיסען צווי האזען מיט איין מאל: אז איהר זאגט מיר, אז אין איטאליען וועט זיין א דיקטאטאר און אז איהר טרעפט, אז איך וועל עס זיין דער דיקטאטאר

גרעפין אוירעליא האט זיך נעפינהלט בעליידיגט פון זיין טאן, ווייל אין דעם מאן איז געווען דאוק, נישט גלויבען. זי האט דעריבער מעהר נישט גערעדט צו איהם.

אין פינף און א האלב יאהר שפעטער איז מוסאליני שוין געווען דיקטאטאר פון איטאליען. אלס דיקטאטאר האט ער זיין ערשטען וויזיט אבגעשטאט ביי דער גרעפין אוירעליא אין איהר פאלאץ.

— איך בין געקומען זיך ענטשולדי־גען פאר אייך, גרעפין! — האט מוסא־ליני אויסגערופען.

— איך האב געוואוסט, אז איהר וועט קומען! — האט זי מיט א שמייכעל צוגעענטפערט. איצט וועט איהר שוין ווייסען, אז וואס גרעפין אוירעליא זאגט פאראויס — פאסירט.

די גרעפין פלעגט נעמען זעהר א שעה, וועה! צו איהר פלעגען קומען ארימע קליינע בעלוינונג פאר איהרע פראפעצייאונגען. דערפאר, וועזיי פלעגט פאר זיך דערזעהן א רייכען מאן אדער א פרוי דאס זי געריסען וויפיל זי דאס נאר געלאנט. איינמאל האט א פראנצויזישער נאבעלמאן און א גרויסער נביר געוואלט אויספרובען די גרעפין אויף ווי ווייט איהר כח צו טרעפען געהט. ער איז גע־קומען ספעציעל אנגעטאן אין צוריסע־נע מלבושים, ער זאל אויסזעהן ווי א בעטלער. ער איז אריין צו דער גרעפין, וועלכע האט איהם פריהער קיינמאל נישט געזעהען, און געבעטען זי זאל איהם טרעפען.

— איך וויל פריהער בעצאהלט! — האט זי איהם געזאגט

— וויפיל נעמט איהר? — האט ער געפרעגט מיט א געבראכענער שטי־מע.

— 25,000 לירעס — האט זי פעסט געזאגט.

— מיין גאט! — האט דער פער־שטעלטער נאבעלמאן זיך א כאפ געטאן ביים קאפ, — ווי קומט צו מיר אזא פערמעגען?

— נו, נעמט ארויס פון דער „באנק דע פראנס" וואס איהר האבט.

— ווי קום איך צו דער „באנק דע פראנס"? — האט דער פערשטעל־טער געפרעגט ערשטוינט.

— וואס הייסט ווי איהר קומט. איהר זייט דארט א דירעקטאר, קומט איהר. איהר האט אויך געגוג געלד אין דער „באנק איז אינגלאנד" און אין אמעריקא. איהר קענט מיר, אלזא, לייכט בעצאהלען די נישטיגע סומע פון 25'000 לירעס; חוץ דעם זאג איך אייך, אז די בעטלער־קליידער פאסען אייך נישט. מיינע אוי־גען זעהען אלעס. איך זעה וועה איהר זייט.

דער נאבעלמאן האט זיך דאן מודה געווען און איהר בעצאהלט די 25,000 לירעס.

וואו איז געלעגען איהר קראפט און וואס פאר א קראפט איז דאס? — דאס בלייבט דערווייל א סוד.

—0—

ענטדעקט א נייעם יודישען טאלאנט.

רודאלף וואלענטינא'ס נאכ־פאלגער איז א יוד.

—0—

א דאנק דעם „עטאוא טיטיוען" דער־וויסען מיר זיך פון א נייעם יודישען טאלאנט, פון וועלכען מיר האבען ביז־איצט גארנישט געוואוסט. הגם זיין נא־מען האבען מיר זעהר קטנ געהערט, איז אבער אונז קיינמאל נישט איינגע־פאלען, אז ער איז איינער פון אונזערע, און אז אין זיינע אדערען פליסט יודיש בלוט.

דער נייער גדול איז נישט אבי ווער. עס איז נישט קיין אנדערער, ווי דער זעהר בעריהמטער און אלעמען בעקאנ־טער קינא־ארטיסט — ריקארדא קארטעז. דער דאזיגער קארטעז, זאגט די צייטונג, איז איינער פון די וויכטיגסטע בירגער אין דער קינא־קאלאניע האלי־וואוד, און איז דער איינציגער נאכפאל־גער פון רודאלף וואלענטינא.

נאר ווי קומט צו א יודען אזא חוג־דערט־פראצענטיגער שפאנישער נאמען? ווערט דערצעהלט, אז זיין אמת'ער נא־מען איז טאקע נישט ריקארדא קארטעז, נאר — יעקב קראנק, אנ'עכט יודישער נאמען. נאר פארוואס רופט ער זיך רי־קארדא קארטעז?

דערצעהלט מען אונז, אז דאס איז נישט חלילה דערפאר, ווייל ער שעהמט זיך מיט זיין יודישען נאמען, אדרבא ואדרבא, לויט די צייטונג גיט איבער, איז דער נאכפאלגער פון וואלענטינא, א ווארימער יוד, אויפגעכאווען אין דער געטא און שעהמט זיך לחלוטין נישט מיט זיין יודישקייט. ער פיהרט א גאנץ יודישליכען לעבען, און זיין ווייבעל בענטש זאגאר ליכט אלע פרייטאג אוונד. ער האט אבער אנגענומען דעם נאמען ריקארדא קארטעז לויט דער עצה פון זיינע אימפרעסאריעס ווייל דער נאמען יעקב קראנק איז נישט פאסטיש. מיט אזא נאמען קען מען נישט פאנגען די הערצער און זיך מאכען בע־ליבט ביי מיליאנען אמעריקאנער פרויען און מיידלעך, בעת דער נאמען „ריקאר־דא קארטעז" איז שטארק פאסטיש, אנציהענד און קלינגט זעהר ראמאנטיש. און איבערהויפט האט זיך נאך דעם טויט פון רודאלף וואלענטינא געפאדערט א קינא־סטאר מיט א קלינגענדען שפאני־שען נאמען, און חיות ווי קיין שפאניער איז נישט געווען אונטער דער האנט, האט מען געמוזט נעהמען דעם יודען קראנק און איהם פערוואנדלען אין א שפאניער.

וואס טוט נישט א יוד צוליב פרנסה!!

גאלד, בלוט און פרויען.

א ראמאן פול מערקווירדיגע איבער־לעבענישען און ליידענשאפטען.

(57־טע פארטזעצונג).

— ווער? מאקס, ווער?

— ארטור פאן באטיאני האט מיך געראטעוועט!

— דער באראן פאן באטיאני, דיין ערגסטער פיינד? דאס קען נישט זיין!

— און דאך איז עס וואהר! דאך איז עס אזוי געווען, מוטער!

די גרעפין איז געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט.

— יא, מוטער! מיין גרעסטער פיינד, ארטור האט מיך געראטעוועט, ער האט געהאנדעלט געגען מיר, ווי אנ'עדעלמאן. ער איז א בעסערער מענש פון מיר. איך בין געקומען צו איהם אלס פיינד און ער האט געהאנדעלט געגען מיר ווי א פריינד.

— וואס איז געשעהן? ווי אזוי איז דאס אלץ פארגעקומען? דערצעהל עס מיר, מאקס!

מאקס האט איהר אלץ דערצעהלט, וואס עס האט מיט איהם פאסירט און ווי ארטור האט איהם געראטעוועט.

— ער איז א ליגנער — האט די גרעפין זיך אנגערופען — עלווירא גע־פינט זיך ביי איהם אין טורעם. ער וויל זי נישט ארויסגעבען.

— ניין, מוטער, ארטור איז נישט קיין ליגנער. א מענש, וועלכער איז פעהיג צו האנדלען אזוי איידעל און אזוי גרויסמוטיג געגען זיין פיינד, קען קיין ליגנער נישט זיין. אזא מענש זאגט דעם אמת.

— אך, מאקס! דו קענסט נאך נישט די מענשען; דו ווייסט נאך נישט, ווי זיי קענען זיך פארשטעלען; ווי זיי וויסען, ווי אזוי זיך צו פערמאסקירען; ווי אזוי צו פערדעקען זייערע געפיהלען און געדאנקען! דאס בעסטע וואלט געווען, ווען דו וואלסט איהם דערשטאכען. נאר דער טויטער פיינד איז זיכער. איך בעדויער זעהר, וואס דאס איז נישט געשעהן. דו ביסט נישט פעהיג דער־צו. אזא זאך קען טון נאר נאגי. ער איז מוטיג. ער איז פעהיג. ער איז א מאן!

— מוטער! מוטער! דו געהסט צו ווייט, דיינע פלענער פערפיהרען דיך, פערפיהרען אויך מיך. איך זיכער, אז דיינע פלענער זאלען אונז אלע נישט ברענגען דאס גרעסטע אומגליק.

ער האט מעהר נישט געוואלט רעדען מיט זיין מוטער און איז אוועקגע־לאפען אין זיין צימער.

די גרעפין איז געבליבען אליין. עס איז שוין געווען זעהר שפעט און זי האט זיך געלעגט שלאפען. דער שלאף איז אבער אזוי גיך נישט געקומען צו בערוהיגען. געדאנקען, פינסטער ווי די נאכט, זענען איהר געקראכען אין קאפ און זי נישט געלאזט שלאפען.

— איך האב גארנישט געוואונען — האט זי געטריימט — אלץ איז געבליבען ביים אלטען. דער באראן באטיאני איז נאך שטאלץ ווי פריהער. דעם דאקומענט האב איך נישט און עלווירא איז ערגיץ פערשוואונדען.

ערשט אין דער פריה איז זי ענטשלאפען געווארען. זי איז געשלאפען זעהר אונרוהיג. דעם אנדערן טאג אין דער פריה איז מאקס נישט געקומען צום פריהשטיק. די גרעפין איז געזעסען ביים אויפנעסען, פלוצלינג האט זי פון פענסטער דערזעהן, ווי א קארעטע איז אנגעקומען. זי איז אויפגעשפרונ־גען א פרעהליכע.

— נאגי — האט זי אויסגערופען — נאגי איז דא! דאס איז שעהן! דאס איז גוט! ער איז געקומען אין דער ריכטיגער צייט! יעצט דארף איך איהם גראד האבען!

די קארעטע איז אריינגעפאהרען אין הויף און אין איינינע מינוט ארום איז נאגי אריינגעקומען אין צימער, די גרעפין איז איהם ענטקעגענגעגאנגען.

נו, וואס מאכסטו, מיין פריינד? וואס הערט זיך עפעס? — האסטו אלץ בעזארגט?

— אלץ, אלץ איז אפגעטון און בעזארגט.

— ביי אונז איז נישט אלץ אין ארדנונג — האט די גרעפין טרויעריג געזאגט.

— וואס איז געשעהן? — האט נאגי דערשראקען אויסגערופען.

עלווירא איז פערשוואונדען געווארען — און מען ווייסט נישט, וואו זי איז אהינגעקומען.

— איהר ווייסט נישט, איך אבער ווייס, וואו זי איז.

— וואו איז זי? — האט די גרעפין האסטיג געפרעגט.

— זי איז אין בודאפעשט.

עלווירא אין בודאפעשט? וואס טוט זי דארט?

— זי איז ביי איהר פעטער, גראף מעראס.

— דאן מוז מאקס באלד פאהרען קיין בודאפעשט און זי ברענגען אהיים. ער האט א בריף פון איהר מוטער, אז זי זאל פאהרען מיט איהם.

— דאס וואלט פריהער רעכט געווען, יעצט אבער, האט זיך אלץ געענדערט. מאקס אדער איך וועלען אלעבפאלס מוזען פאהרען זי בעפרייען און זי אהיים נעמען.

— וואס מיינסטו דערמיט? איך פערשטעה דיך נישט.

— יעצט קען איך עס נישט ערקלערען, איהר וועט עס וויסען, ווען די צייט וועט קומען.

— איך וועל דיך נישט צווינגען, דו זאלסט מיר יעצט אלץ זאגען. איך מוז דיר אבער בעמערקען, אז עלווירא האט געוויס געבעטען איהר פעטער, אז ער זאל שרייבען צום קייזער אין ווינען און איהם בעטען, ער זאל בעפרייען דעם גראף באטיאני.

— דערגעגען קען איך גארנישט טון — האט נאגי געענטפערט — איך האב שוין דעריבער נאכגעטראכט, ווען עס זאל שוין געשעהן, און דער קייזער זאל איהם שוין בעגנעדיגען. ווען דער באראן זאל שוין זיין פריי, וועל איך אויסגראבען פאר איהם א גרוב, פון וועלכען ער וועט קיינמאל נישט ארויס.

— איך האב אויך אזוי געטראכט — האט די גרעפין טרויעריג געזאגט

— איך האב אויך געמאכט א גוטען פלאן און בין געווען זיכער, אז ער וועט שוין היינט נישט לעבען. עס האט זיך אבער אנדערש אויסגעלאזט, פון מיין גאנצען פלאן איז גארנישט געווארען.

— קען איך וויסען, וואס איהר האט געטון און ווי אזוי אייער פלאן איז פלוצלינג פערניכטעט געווארען?

די גרעפין האט איהם אלץ דערצעהלט, וואס עס איז געשעהן מיט מאקס'ן. נאגי האט זיך צעלאכט.

— פערצייהט מיר, גרעפין, וואס איך לאך אזוי הארציג איבער אייערע איינפאלען. ווי קען עס איינפאלען א מענש, אז עלווירא איז בעהאלטען אין טורעם פון טשעמניץ? ווי האט עס אייך געקאנט איינפאלען, אז מאקס מיט עט־ליכע פויערים זאלען אנפאלן אויפ'ן טורעם און זאלען צוריקנעמען עלווירא'ן מיט גע־וואלד? און לאמיר זיך נישט נארן, איז דען מאקס דער מענש אויסצופיהרן אזא פלאן? ווי קען ער זיך שטעלען געגען דעם שטאלצען, מיינערדיגען ארטור פאן באטיאני?

די גרעפין האט אויף איהם געווארפען א בייזען, ווילדען בליק. איהר געזיכט האט אנגענומען דעם ווילדען, אונמענשליכען, טיגעראַרטיגען אויסדרוק, אויף וועלכען נאר זי איז פעהיג געווען. מען מוז קענען דעם מענשען. מען מוז זיך גוט צוקוקען צו זיין געזיכט, קען מען זעהן, אז ווען עס ענדערען זיך זיינע געפיהלען, ענדערען זיך די אויסדריקען פון זיין געזיכט.

(פארטזעצונג פאלגט).

די סודות פון די טערקישע סולטאנען

זענען איצט צום ערשטען מאל פערעפענטליכט געווארען אין א בוך.

א מראנישע געשיכטע מיט א יודיש מעדעל. וואס האט נישט געוואלט ווערען דעם סולטאנ'ס פרוי.

אין א פראנצויזישער איבערזעצונג וועלען אינגיכען ערשיינען די זכרונות פון דער סולטאנישע אולי קאצרי, די צווייטע פרוי פון לעצטען טערקישען סולטאן. די זכרונות זענען מיט א שטי־קעל צייט צוריק ערשינען אויף דער טערקישער שפראך און זענען יעצט אי־בערגעזעצט געווארען אויף פראנצויזיש.

אין די זכרונות פון אולי קאצרי ווער־רען צום ערשטען מאל ענטפלעקט די געהיימנישען פון די סולטאנישע הויפען. דאס בוך פערנעהמט עטליכע הונדערט זייטען און פערשטעהט זיך, אז מיר וועלען דא נישט אימשטאנד זיין אנ־צוגעבען אפילו א פערטעל פראצענט פון די פאקטען, וואס ווערען דארט דערצעהלט. אבער איניגע פאקטען וועלען מיר ברענגען בקיצור.

אזוי ווערט דארט דערצעהלט א רוה־רענדע געשיכטע וועגען דעם לעצטען סולטאנ'ס ערשטע פרוי, דאס הייסט, די הויפט־פרוי, ווייל די צאהל פון זיינע פרויען האבען זיך געצעהלט אין די הונ־דערטער.

דער נאמען פון דער הויפט־פרוי איז געווען נאזיע דע קאדין. זי איז געווען וואונדערליך שעהן און געהאט א שטאר־קען כאראקטער. זי איז פאקטיש געווען די הערשערין פון לאנד, ווייל אהן איהר האט דער סולטאן גארנישט געטון און זי האט ביי איהם אויסגעפירט, וואס נאר זי האט געוואלט.

אלע פרינצען און פרינצעסינס, דיפ־לאמאטען און ארמעע־פיהרער האבען פאר איהר געציטערט; איין ווארט פון איהר איז גענוג געווען עמיצען ארונ־טערצווארפען; איין ווארט פון איהר איז גענוג געווען עמיצען צו דערהויבען.

זי האט געהאט א טאכטער, נאילע, דאס איינציגע קינד, וואס זי האט גע־בוירען דעם סולטאן, און נאילע איז גע־ווען אויסערגעוועהנליך שעהן און קלוג. די מוטער אליין איז געווען אויהר לעה־רערין אין זי איז אויסגעוואקסען, ווי א שעהנע, צארטע בלום.

די מוטער פלעגט נאילע'ן מוטנער־מען יעדען טריטאג, ווען עס איז דער מאלמעדראנישער רוה־טאג, און משמשעט אבער דאן דאס די מוטער בעמערקט, אז נאילע ווארפט צו שטארק פערשוואנטערע־בלי־קען בליקען אויף אנ'אפיציר א געווי־סען אלוון. זי האט אנגעהויבען מורא האבען, אז דאס מיידעל זאל זיך נישט פערליבען אין דעם אפיציר און הערט זי אויפגעהערט טומצונעמען און מעט־שעם. אבער נאילע האט זיך דוקא געריס־סען מיטצונעהן און דאן זיך מודה גע־ווען אז זי ליבט דעם אפיציר און וועט אהן א דם נישט קאנען לעבען.

די מוטער האט רחמנות געקריגען אויף איהר איינציג קינד און געשיקט נאך דעם אפיציר, פאָרלייגענדיג איהם נאילע'ן אלס ווייב, נאר מיט'ן בעדינג ער זאל זיין קיין אנדערע ווייבער נישט נעהמען, לוי'ן טערקישען מנהג.

ער האט צוגעזאגט. אבער ווען דער סולטאן האט זיך דערוואוסט, אז א פראסטער אפיציר געהט חתונה האבען מיט זיינע א טאכטער, האט ער דעם אפיציר באלד פערשיקט אין אנ'אנדער געגענד און זיין הויפט־פרוי האט ער אנגעזאגט, אז ער וויל נישט דערלאזען אזא סקאנדאל.

נאילע האט געקומען איבערגעהען פון טאג צו טאג. זי האט געצאנקט ווי א ליכט, פערבענקענדיג נאך אלוון'ן. די מו־טער האט געוויינט איבער'ן גורל פון איהר קינד. זי איז אוועק צו דעם סולטאן און געפאלען איהם צו די פיס בעטענ־דיג זיין ערלויבניש פאר דער חתונה. נאר דער סולטאן האט זיך געהאלטען ביי דאס זייניגע.

צום סוף איז נאילע אזוי שטארק קראנק געווארען, אז דער סולטאן אפילו האט שוין רחמנות געקראגען און ער־לויבט די חתונה. ער האט צוריקגערופען דעם אפיציר און די חתונה איז געפרא־וועט געווארען.

עס איז שוין אבער געווען צו שפעט. אין עטליכע טעג נאך דער חתונה איז נאילע געשטארבען. זי איז אויסגעגאנגען פון ליבע און מעהר נישט געקענט קומען צו זיך.

אולי קאצרי דערצעהלט נאך פיל אנדערע רוהרענדע פאקטען פון כול־טאנ'ס הויף. זי גיט אויך איבער א בילד פון סולטאנ'ס הארעם, וואו עס זענען געווען ווייבער פון אלע נאציאנאליטע־טען. די מעהרסטע פון זיי פלעגט מען אריין ברענגען אין עלטער פון 6, 7 און 8 יאהר און מען פלעגט זיי דארט ער־ציהען אלס ווייבער פאר'ן סולטאן. צווישען די פערשידענע נאציאנאליטע־טען, וואס אולי קאצרי רעכענט אויס, געפינט זיך אויך די יודישע.

דערביי גיט די געוועזענע סולטאנישע צו, אז מיט די יודישע מיידלעך, וואס פלעגען פערשלעפט ווערען אין טערקי־שען הארעם, האט מען געהאט די גרעס־טע צרות, ווייל זיי פלעגען בשום־אופן נישט וועלען זיך שמד'ן אויפ'ן מאהמע־דאנישען גלויבען. זיי האבען זיך נישט געלאזט איינרעדען און צום סוף פלעגט מען זיי מיט געוואלד מאכען פאר מאה־מעדאנערינס.

אבער אט האט מען געבראכט פון א דארף אין קליין־אזיען א יודיש מעדעל פון א יאהר 8 אדער 9, וועלכע א הויף־מענש האט דארט צופעליג דערזעהען און זי נעפאנגען פאר'ן סולטאנ'ס הארעם.

דאס מיידעלע איז געווען אויסערגעוועהנליך פרום און ווען מען האט צו איהר אנגעהויבען צושטעהען, אז זי זאל זיך שמד'ן, האט זי געמאכט אזעלכע געוואלדען, אז א שרעק פלעגט אלעמען בעפאלען.

א שטיק צייט האט מען זי צורוה גע־לאזט, אין דער האפנונג, אז זי וועט אליין „בעסער ווערען". אבער ווען מען איז צו איהר ווידער צוגעשטאנען וועגען דעם, האט זיך ווידערהאלט דיזעלבע געשיכטע.

מען האט זי אבגעלאזט ביז זי איז אלט געווארען 11 יאהר, דאן האט מען זיך ווידער גענומען דערצו. ווען זי האט גענומען שרייען, האט מען זי געבונדען און געשלאגען.

דאס קליינע אויסגעמאטערטע מיידעלע האט דאן איינגעשטימט צו ווערען א מאהמעדאנערין. אבער ווען דער מאה־מעדאנישער גלח האט איהר געהייסען זאגען:

„אללא איז גאט און מחמד איז זיין נביא" —

האט זי היסטעריש א געשריי געטאן:

— „ניין, דאס איז א ליגען! משה איז גאט'ס נביא! דאס ווייסען דאך אלע. איך קאן נישט זאגען קיין ליגען!"

מען וואלט זי אפשר צורוה געלאזט, אדער גאר ארויסגעווארפען, נאר ווען דער סולטאן האט זיך דערפון דער־וואוסט, האט ער געשיקט נאכ'ן מיי־דעלע און איהר געפרעגט, פארוואס זי עקשנ'ט זיך.

זי האט זיך נישט אבגעשראקען פאר'ן סולטאן און איהם אויסגעענטפערט, אז זי איז א יתומה אהן טאטע־מאמע און איידער איהר פאטער איז געשטאר־בען, האט ער איהר געהייסען שווערען, אז זי וועט בלייבען ביי דער אמת'ע אמונה, ביי דער יודישער, אזוי וועט זי טאקע טון.

דער סולטאן האט מיט כעס זי א ווארף געטאן פון זיך און געהייסען איהר איינשפארען אין א פינסטערען קאמער.

וואס דארט איז פארגעקומען, ווייס נישט די געוועזענע סולטאנשע. זי דער־צעהלט נאר, אז אין עטליכע טעג ארום האט מען דאס אומגליקליכע מעדעלע געפונען א טויטע.

אולי קאצרי דערצעהלט אויך וועגען א מארד־פערזוך, וואס איינע פון די פרויען האט געמאכט אויפ'ן סולטאן.

ווען ער איז געקומען איהר בעזוכען, האט זי ארויסגעכאפט א בעהאלטענעם פיגשטאל און זיך אויף איהם א ווארף געטאן, אבער ער האט דעם וואפען פער־צייטענס פון איהר ארויסגעכאפט און זיך געראטעוועט.

אט די פרוי איז נאך דעם זעלבען טאג שפורלאזדיג געטוים געווארען און די אויסענוועלט האט גארנישט געוואוסט וועגען דעם.

אט מיט אזעלכע פאקטען איז פול דאס בוך פון דער געוועזענע סולטאנ־שע.

—0—

לאדזער כראניק.

א שולע צו לערנען שווימען.

בײַ דער ים-ליגע אין לאדז איז נײַ געעפנט געוואָרן א שולע צו שווימען. די לעקציעס פון שווימען קומען פאָר טעג־ליך אין ראדא־פאביאניץ אין כטעפּאַ נקי'ס סטאוו.

אײַנשרײַבונגען ווערן אָנגענומען יע־דען טאג פון 5 ביז 7 אין סעקרעטאריאט פון דער ליגע (מאָניושקי 11).

שטרייק פון וואַליזע - מאַכער.

(!) זינט אנהײַב טאג שטרײַקן די וואליזן-מאכער, מעהרסטענטהײַלס יוּדי־שע אַרבײַטער, צוליב דעם, וואס די בעלי-בתים ווילען נישט ערפילען די אַרויסגעשטעלטע הוספה-פאָדערונג פון 50 ביז 100 פראצ.

אופּאַדלאשטש פון דער פירמא ה. מ. באָהאַריער

(:) דאס קרײַז-געריכט האט אויף דער זיצונג פון גרוי. דאבראָניצקי ערקלערט אַן אומבאַדלאשטש דעם סוחר ה. מ. באַ־האַריער. פּעטר. 28.

שרעקליכער אעראפּלאַן-קאַטאַסטראָפע אונטער לאדז.

דער פּילאָט פּאָרפּאָרוטשניק קלעשטשינסקי שטערבליך פערוואונדעט, דער אָבסערוואַטאָר לייכט פערוואונדעט.

(§) נעכטען 2 נאָכמיטאג האט אונ־טער לאדז פּאַסירט א שרעקליכע אַעראָ־פּלאַן-קאַטאַסטראָפע מיט מעגליכע קרבנות. אַרויסגעפליהענדיג פון בּיאַגאשטש איבער לאדז קיין קראקא האט דער אָב־סערוואַטאָר פון מיליטערישען אַעראָ־פּלאַן, וואס איז געפיהרט געוואָרן דורך פּאָר-פּאָרוטשניק קלעשטשינסקי, נאָך בײַ־מערקט די אַרויסגעשטעקטע פליה-מאַגנע־טען פון דער יונגער פליה-מאַשין אין בּאָבּינעק.

דער אַעראָפּלאַן איז ווײַטער געפלױ־גען. אין א געוויסען מאָמענט האָט ער אָבער פערלױרען דאָס גלײַכגעוויכט און דאַן אנגעהויבען צו פליהען כ.מ. אַ' אײַבערגעוואָרפענער שנעלקײַט. בײַ סטאַ־ קי (גאָווא-מאָלנער גמינע) איז דער מאָ־שין פּלוצלינג פאַליג געוואָרן און דער אַעראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלען און צו־שמעטערט געוואָרן אויף שטיקער.

דער פליהער, פּאָרפּאָרוטשניק קלעש־טשינסקי, וואס איז צום ערשטען מאָל געפלויגען אָהן ווײַטע שטרעקע איז שווער פערוואונדעט געוואָרן, דער אָב־סערוואַטאָר דאַגעגען איז אָפּגעקומען מיט לײַכטע וואונדען.

עס זענען זיך צונויפגעלאָפען די דאָרטיגע לאנדזשער לענדלײַטע, וואס האָ־בען גלײַך פערהאַלטען א דורכפאָהרענ־דיגען פּריוואַט-אויטאָ און די פערוואונ־דעטע אַפּגעפיהרט אין מיליטערישען שפּיטאַל אויף פּושעגרודזשניצא.

דער פּאָרפּאָרוטשניק געפינט זיך אין א האָפענונגסלאָזען צושטאַנד.

בײַם צופּרילעגען אַעראָפּלאַן איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן א מיליטערי־שער פּאָסטען, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון 2 יודישע זעלנער.

אויספלוג פון אַמעריקאַנער פּאַלאַקען אין לאדז.

(פּ) דעם 11. ר. ח. רוקט דער מאַנאָ־פּאָט צו־טשיף א קאנפערענץ פון די פּאַר־שטעהער פון דער מאַנאַט, געזעלשאַפט־ליכע אינסטיטוציעס, אינדוסטריע, האַנ־דעל א. א. בכדי פּאָרצושטעלען א פּראָ־גראַם פאר דער אויפנאַהמע פאר די אַמע־ריקאַנער פּאָליאַקען, וואס מאַכען א אויספלוג קיין פּוילען און וועלען אויך זיך אפּשטעלן אין לאדז.

אפּקלאַנגען פוג'ם מאַרד פון פּרעז. ציינאַרסקי.

אויסגעפאָרשט געוואָרען ביז 100 אַרבײַטער אין קאנסטאַנטינער וועלדעל.

(פּ) ערשט נעכטען האט אן אויספאָר־שונגס-קאָמיסיע מיט'ן אויספאָרשונגס־ריכטער בראש דורכגעפיהרט אין קאנ־סטאַנטינער וועלדעל א צוזאַמען-אויספאָר־שונג אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן זיך-דער־נעהנטערנדען פּראָצעס פון די רוצחים פון דעם צווייטען מערדער פון פּרעז. ציינאַר־סקי.

עס זענען אויסגעהערט געוואָרען נערך 100 ארבייטער. איינציגע זענען אַרעסטירט געוואָרען, זיי זענען אָבער תיכף דערויף צוריק אַרויסגעלאָזען געוואָרען אויף דער פרײַ.

ווי מיר דערוויסען זיך, איז נאָך אויס־געשלאָסען אז אויף דער בעצייכענער באַנק זאָלען זיך געפינען הײַנט ביז מאָ־רגן נאָך עטליכע פּערזאָן, וואס זענען אין חשד צו האָבען געהאַט א שייכות צום מאָרד.

מאָרגען אַנ'אַבּציילכער-טאג פון „החלוץ המרכזי".

מאָרגען, מאָנטאג, קומט פאָר אין אונזער שטאָט אַן אָפּצײלכענטאג, איינגע־אָרדענט דורך דעם ראַטען „החלוץ המר־כזי". די נאַנצע הכנסה פון אָפּצײלכען־טאג איז באַשטימט פאַר הכשרה-צוועקען, ד. ה. אויסצובילדען פּאַלעסטינע אין גאַנצען פרישע יונגע כחות צוליב חלוצים פאַר'ן ארץ-ישראל-אויפבוי. די חלוצישע הכשרה, וועלכע האט א קאָ־לאָסאַלע באַדײַטונג פאַר'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל, איז אַלעמען זעהר גוט באַקאַנט. מען קען דעריבער האָפען, אַז דער מאָר־גענדיגער אָפּצײלכען-טאג וועט ערגיבען מיט א פאַר דינסטען ערפאָלג.

פאַר א טעלעפאָן-געשפּרעך אין א עפענטליכער אָרט

טאָר מען מעהר נישט נעהמען פון 20 גראָשען.

(ב) זינט עס זענען אײַנגעפיהרט גע־וואָרען די „ז'עטאָנען", בעקומט די אַדמיניסטראַציע מאַנכע קלאַ־גען וועגען טעלעפאָן-בענוצער פון עפענט־ליכע ערטער, וואס נעמען צו גרויסע אָפּ־צאָהלען פאַר'ן בענוצען דעם אַפּאַראַט.

די דאָזיגע אנקלאַגעס וועלען איבער־געשיקט ווערען דעם נער.-ל פאַר'ן קאַמף מיט ליכטען.

מיר מאַכען אויפמערקזאַם, אז מעהר פון 20 גראָשען דאַרף מען פאר א טעלע־פאָן-געשפּרעך אין אַן עפענטליכען אָרט נישט צאָהלען. ווענען די, וואס נעמען גרויסע אָפּצאָהלען, קאן מען מיטטיילען אין רעגירונגס-קאָמיסאַריאט, צוגעבענ־דיג דעם נומער פון'ם טעלעפאָן.

אויף א וואונדערליכע אופן איז א 3-יעהריג יודיש מעדעלע ניצל געוואָרען פון טויט.

(ג) צווישען דעם שפּאַצירענדע־גען שבת-עולם האט נעכטען נאָכמיטאג אַרום 3 א זעהר אַרויסגערופען א געוואַלדיגע אויפרעגונג א פאַל, וועלכער האט שיער גענומען דאס לעבען פון א 3-יעהריג יו־דיש מיידעלע.

אויף לאַגעווניצקא גאס איז פון צווי־טען עולם שפּאַצירענדע העראָפּאַלנע גע־מאַכט א 3-יעהריג מיידעלע. די עלטערן זענען אוועק דאס קינד זוכען ערגיץ אַנ־דערשוואו א.ז. דערווייל האט מיט'ן קינד באַמערקט אַן'אומגליק: פון דער קאַש־טשעלנא אין שנעל אנגעפאָהרען אויף דער לאַגעווניצקא גאס א גרויס א טראַמ־ווײַ נומער 6. אין א געוויסען מאָמענט איז דאס פערפּלאָנדזשעטע קינד אַרײַנ־געפאַלען פון טראַמוואַי. עס איז ראש אַנגעקומען דער טראַמוואַי. דער קאָנדוק־טאָר האט געגעבען שטאַרק סיגנאַלען. דאס קינד איז צומישעלט געוואָרען און איז געבליבען אויף די טראַמוואַי-שינעס. דורך געשריי האָבען דאס בעמערקט, אָבער צו ראַטעווען דאס קינד איז געווען אוממעג־ליך, מחמת דער טראַמוואַי איז געפאָה־רען גאַנץ-גאַנץ און ער האט זיך נישט גע־קאָנט אָפּשטעלען. דאס מיידעלע איז אַרונטערגעפאַלען אונטער דעם טראַמ־וואַי.

על פי נס איז דער טראַמוואַי בעשטאַנ־נען געשטעלט ווי פון איין וואגאָן און דער קרבן איז געפאַלען צווישען בײַדע שינעס. אזוי, אז די רעדער האָבען דאס מיידעלע נישט בערירט. לעצטערגיג אויס־טער'ן טראַמוואַי האט זיך נשהערט דעם קינד'ס שרעקליכע געשרײַען. אבער איידער וואס-וואס איז דער טראַמוואַי אָפּגעשטעלט געוואָרען. דאס קינד האָבען מענ־שען אַפּגערעגענט א נאַנצען; דאס קינד האָט אויף איינגע שטעלען בעקומען. צום גליק, נאָר לײַכטע וואונ־דען.

נעכטען קאָנדוקטאָר איז צוגעפאָנגע־שטעלט געוואָרען א פּראָטאָקאָל. דאס מיידעלע דאס צוגעגעבען די פּאָגאָ־טאָוויע.

די עפענטליכע מיינונג.

פרייע טריבונע פאר אַרטיקלען, בריף און רעדאקציע און בעמערקונגען, וואס האָבען א געזעלשאפטליכען אינטערעס. פאר וועלכע די רעדאקציע נעמט נישט איבער די פעראַנטוואָרטליכקײַט.

אויפרוף

פון הילפס-פעראיין „תומכי אורחים"

(פּאַמאַרסקאַ 18)

צו דער יודישער בעפעלקערונג!

ווי בעוואוסט, איז „תומכי אורחים" הײַנט צו טאג די איינציגע הילפס-גע־זעלשאַפט, וואס איהר ציל איז דעם הונגעריגען עסען צו געבען;

מען מוז האבען א הארץ פון שטיין צו קענען איין איינציגע שעה זיין אין קאנצעלאַריע פון „תומכי אורחים" און זיך צוקוקען, ווי אונזערע ברידער און שוועסטער בעטען זיך מיט זייערע האלב-טויטע, בלאסע געזיכטער, קלאפען אין די טירען פון „תומכי אורחים" אין די שווערע מינוטען פון נויט און פערצווייפ־לונג.

„תומכי אורחים" איילט מיט הילף, אויף פסח און שבועות האט „תומכי אורחים" פערטיילט פאר איבער 1000 פאמיליעס אונטערשטיצונגען אין געלד און פראָדוקטען און פאר 200 פערזאָן איז איינגעאָרדנט געוואָרען א אומזיסטע פסח און שבועות-קיך.

ביי „תומכי אורחים" עקזיסטירט א שטענדיגע שבתים- און יום-טובים-קיך, וואו דער בכבוד'ער אָרימאַן בעקומט עסען צו דער זאַט. די פערוואלטונג וועט אויך בקרוב עפענען א טעגליכע קיך, וואו דער הונגעריגער אָרימאַן וועט פאר 20 גראָשען בעקומען א מיטאג מיט ברויט.

נישט-קוקענדיג אויף דעם גרויסען דעפיציט, וואס די קאסע פון פעראיין האט זיינט נאָך די פסח-אקציע ביז היינ־טיגען טאג, איז „תומכי אורחים" גע־צוואונגען אויף פילפאכיג צו פערגרע־סערען איהר טעטיגקייט.

ווי נויטיג ס'איז א אומזיסטע כשר'ע קיך אויף א גאַנצע וואָך, נישט נור אויף שבתים און יום-טובים, קען זיך יעדער איבערצייגען, ווען ער וועט נור איין מאל בעזוכען די קיך אויף זאַכאָדניא 20, און ער וועט זעהן, ווי נויט ברעכט אייזען. וואָרום יעדעס מאל, בעת דעם עסען פערטיילען, ווערט דער זאל גע־שטורעמט פון די אָרימע, וועלכע קענען זיך נישט דערשלאָגען צו א בענקעל אין דער פעראיינס-קאנצעלאריע.

כדי ווייטער צו פיהרען און אויך דער־צו נאך צו פערגרעסערן די טעטיגקייט, אָרדענט איין די פערוואלטונג פון „תומ־כי אורחים" א בלימעל-טאג דעם 26-טען יולי ס'ווערט אויך איינגעאָרדנט א גאַר־טען-פערוויילונג אין העלענאָוו דעם 21-טען אויגוסט ד. י.

מיר ווענדען זיך דערמיט צו דער יו־דישער בעפעלקערונג: אונטערשטיצט מיט א ברייטער האַנד אונזער אונטערנעמונג געדענקט, אז די אויגען פון די הונגע־ריגע זענען צו אייך געווענדעט און זיי וואַרטען אויף אייער הילף!

פערשרייבט זיך אלס מיטגלידער, און צאָהלט דעם מיטגלידס-בייטראג לטובת די גאָפּאַלענע אָרימע בכבוד'ע פאמיליעס; ס'איז צו ערוואַרטען אז די לאדזער יודישע בעפעלקערונג, וועט אונזערע אונטערנעמונגען ברייטהאַרציג אונטער־שטיצען.

מיט דרך-ארץ
די פערוואלטונג פון „תומכי אורחים", אין לאדז.

ווי וועלען פאָרקומען די וואהלען צו דער האַנדווערקער-קאַמער אין לאדז.

(„) ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער אינסטרוקטאָר פון די האַנדווערקער-פער־איינען פון דער לאדזער וואיעוואָדזשטווא, ד"ר ה. בערקאָוויטש אפּגעהאלטען א רייהע קאנפערענצען מיט די פאָרשטע־הער פון די האַנדווערקער-אָרגאַניזאַציעס, כדי זיי בעקאַנט צו מאַכען מיט'ן נייעם האַנדווערקער-געזעץ, וואס איז לויט א דעקרעט פון מלוכה-פּרעזידענט אַרויס אין קראַפט דעם 7. יוני.

לויט דעם דאָזיגען געזעץ זאָל אין לאדז אויך געשאַפען ווערען א האַנד־ווערקער-קאַמער, אין וועלכער די מיט־גלידער וועלען געוועהלט ווערען לויט'ן 5-פּאַליגע וואהל-סיסטעם.

וואס מוזען רעזערוויסטען מיטנעהמען אויף מיליטער-איבונגען?

(ב) אין די מיליטער-מאַכט אינפאָר־מירט אונז, דאַרפען די רעזערוויסטען, וואס נעהמען אויף די הײַ-יעהריגע 4-וואָ־כיגע איבונגען, מיטנעהמען מיט זיך לעבענס-מיטעל אויף דער רייזע ביז צו מיליטער-אָרט, ווי אויך א משכבר, א לעפעל און גאָבעל.

די רעזערוויסטען, וואס קומען אָן מיט די באַהן אין פּ.ק.או. פון א ווייטערער דע־לער 25 קילאָמעטער, בעקומען צוריק די רייזע-הוצאות. אויפמערקזאַם א בע־שטימטע: פון טאַקסטראָט, אז זיי קו־מען הינטערלייד פון דעם אָרט.

שטרייק פון די מייסטער'ס אין „ווידזעווער מאַנופאַקטור".

(§) בעת די מייסטערס פון „ווידזע־ווער מאַנופאַקטור" זענען ערשינען געשטערט אין ארטמיניסטראַציע נאך די וועכענטליכע לוינען, האט מען זיי ער־קלערט, אז זיי וועלען פון היינט אן בע־קומען א קלענערע שכירות.

די מייסטערס האבען תיכף דערויף צו־גויפגערופען א פערזאמלונג, אויף וועל־כער ס'איז בעשלאסען געוואָרען תיכף צוצוטרעטען צו א פערשאַרפטען שטרייק.

נאך אַנ'אינטערוועניץ פון ארבייטס־אינספּעקטאָר האבען די מייסטער'ס בעש־לאסען פאָרלויפיג צוצוטרעטען צו דער אַרבייט.

א יונגערמאַן

וואס בעהערשט גוט פּויליש און איז בעקאַנט אין רעכטס-קאַנטראָלען־ארבייט ווערט געזוכט.

אָפערטען אונטער „ביורא" אַבצוגעבען אין אדמ. פון „ל. טאגעבל."

אונפערגלייכליכע קוואַליטעט!

גליטשט זיך אויס און פאַלט אַרונטער אונטער'ן טראַמוואַי.

(!) נעכטען האט אויף רזשגאָווסקא 48 פּאַסירט א שרעקליכער צופאַל. דער 44-יעהריגער י. קאַריעטא האט אַריבער־געלאָפען איבער די שינעס, זיך אויס־געגליטשט און אומגעפאַלען. אונטער ער האט זיך בעוויזען אויפצוהויבען, איז אָנגעפאָהרען דער טראַמוואַי נומער 4 און ער איז אַרונטער אונטער די רעדער.

א שווער פערוואונדעטען האט אַ־דם פאַגאָטאָווע אפּגעפיהרט אין שפּיטאַל.

Dyrekcja Towarzystwa Kredytowego m. Łodzi

podaje do powszechnej wiadomości, że niżej wyszczególnione nieruchomości w Łodzi położone, obciążone pożyczkami Towarzystwa, za niezapłacone raty wraz z zaległościami, wystawione zostały na sprzedaż przez publiczne licytacje, odbywać się mające o godz. 11-ej z rana w Kancelarji Wydziału Hipotecznego m. Łodzi, przy ul. Pomorskiej № 21, przed wyznaczonemi rejentami.

Zbiór objaśnień i warunki licytacyjne znajdują się w księgach hipotecznych odpowiednich nieruchomości oraz w biurze Dyrekcji Towarzystwa Kredytowego m. Łodzi i tamże przeglądane być mogą.

W razie gdyby dzień wyznaczony dla sprzedaży był świątecznym, sprzedaż odbędzie się dnia następnego.

№№ hipoteczny nieruchomości.	przy ulicy	Vadium	Licytacja rozpocznie się od sumy	przed notarjuszem	Dnia
7	Wolborskiej	140	1050	Juljanem Ładą	18.10. 27 r.
47 b	Zawadzkiej	1820	9990	Wiktorem Sarosiekiem	19.10. 27 r.
47 pa	Aleji I Maja	60	450	Aleksandrem Smolińskim	21.10. 27 r.
64 bd	Drewnowskiej	840	6300	Apolinarym Karnawalskim	24.10. 27 r.
65 a	Brzezińskiej	3080	23100	Bronisławem Lisowskim	25.10. 27 r.
122	Drewnowskiej	500	3750	Janem Andrzejewskim	26.10. 27 r.
123	Drewnowskiej	440	3300	Władysławem Jezewskim	27,10. 27 r.
143	Zgierskiej	2280	17100	Janem Krzemieniewskim	28.10. 27 r.
271 m	Cegielnianej	3640	27300	Władysławem Siniarskim	3.11. 27 r.
321 bba	Konstantynowskiej	160	12000	Stefanem Jarzębskim	8.11. 27 r.
558 b	Głównej	810	6000	Eugeniuszem Trojanowskim	10.11. 27 r.
576 op	Pustej	3960	29700	Juljanem Ładą	11.11. 27 r.
627 ca	Rzgowskiej	1180	8850	Wiktorem Sarosiekiem	14.11. 27 r.
780 b	Alejach Kościuszki	3740	28050	Stefanem Kornem	15.11. 27 r.
786 o	Zielonej	1540	11550	Aleksandrem Smolińskim	16.11. 27 r.
802 d	Pańskiej	160	1200	Apolinarym Karnawalskim	17.11. 27 r.
809 I	Lipowej	1200	9000	Bronisławem Lisowskim	18.11. 27 r.
817 9	Lipowej	1540	11550	Janem Andrzejewskim	21.11. 27 r.
825 a	Zamenhoffa	2240	16800	Władysławem Jeżewskim	22.11. 27 r.
826 a	Zamenhoffa	760	5700	Janem Krzemieniewskim	23.11. 27 r.
835 def	Anny	980	7350	Władysławem Siniaroskim	24.11. 27 r.
843 T	Wólczańskiej	500	3750	Kazimierzem Rossmanem	25.11. 27 r.
1044 O	Kaliskiej	520	3900	Juljanem Rzymowskim	28.11. 27 r.
1075 of	Gubernatorskiej	1900	14250	Stefanem Jarzębskim	29.11. 27 r.
1150 b	Fabrycznej	360	2700	Juljanem Ładą	2.12. 27 r.
1423 O	Zagajnikowej	2360	16700	Wiktorem Sarosiekiem	5.12. 27 r.
1509	Nowo-Cegielnianej	1140	8550	Stefanem Kornem	6.12. 27 r.
1532	Zakątnej	3360	25200	Aleksandrem Smolińskim	7.12. 27 r.
1750	Leszno	900	6750	Apolinarym Karnawalskim	9.12. 27 r.
20 8	Srebrzyńskiej	2200	16500	Bronisławem Lisowskim	12.12. 27 r.
4349	Rzgowskiej	120	900	Janem Andrzejewskim	13.12. 27 r.

Licytacje powyższe o tyle dokonywane będą, o ile poszukiwane należności do chwili ostatecznego przybicia w dniu licytacji zapłacone nie będą.

SPLENDID

20 נארוטאוויטשא 20.

היינט און ווייטערדיגע טעג! היינט און ווייטערדיגע טעג!

גרויסער דאפעלטער 2-שעה'דיגער פראגראם!

1) דאס קאמפראמיטירטע ווייבעל

גרויסע עראטישע לעבענס-דראמע אין 10 אקטען פון לעבען פון א פרוי „אלא גארסאן":

א סקאנדאליעזע געשיכטע פון א יונג מיידעל, וועלכע האט געזוכט אמעריקען אין עמעציע און איז געווארען געפאנגען אין די נעץ און קאמפראמיטירט דורך א באנדע ראפינירטע שאנטאזשיסטען. — דאס לעבען פון א פרייליין און א מיידעל אין דער צייט פון טשארלסטאן! פרעכע אנשויאונגען פון א מאדערן ווייבעל! די חאניגחדשים פון א מאדערן פאר-פאלק! א ליבעס-אוואנטורע! ריזיקאלישע איבערלעבענישען פון „א מאדערנער פרוי!"

אין דער טיטעל-ראלע די ב'חנ'טע

Laura la Plante

די רייצענדסטע קאקעטין פון עקראן, די העלדין פון פילם „ווייסע נעכט" אין איהר נייעסטער קרעאציע. — פראכט פון דער אויסשטאטונג! — פעסצינירענדער אינהאלט! — אויסערגעווענליך שפיל;

2) די היינטיגע יוגענד

Betty Blythe

פול מיט הומאר שפרודעלדיגע קאמעדיע פון יוגענדליכע צולאזונגקייטען אין 10 אקטען.

אין דער הויפט-ראלע די פריהלינג'דיגע

מוזיק-אילוסטראציע: סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' א. טשודנאווסקי. דער זאל ווערט מכאניש ווענטילירט.

פון 1½ ביז 3 א זייגער נאכמיטאג זיינען די פרייזען פון אלע פלעצער זל. 1 און 50 גר.

GRAND-KINO

גרויסער דאפעלט-פראגראם גלייכצייטיג

1) די שלאכט אונטער סקאגעראק

מעכטיגע עפאפע פון דער וועלט-מלחמה דאס פערניכטען דעם דייטשען פלאט. אין די הויפט-ראלען: פול מיט חן און רייז Gerd Boiese און Walter Slezak, Golette Bretel

2) די געהיימניס פון איהר אדוואקאט

(איז געיעג נאך קאריערע) מעכטיגע דראמע אין 8 אקטען. אנהויב פון די סעאנסען אין וואכען-טעג 5.30, שבת און זונטאג 2.30 לעצטער סעאנס 10 אזו. אויפ'ן 1. סעאנס זיינען די פרייזען פון די פלעצער פון 50 גראשען אן.

דער דראזשקאזש, וואס האט אפגעפיהרט פרייטאג, 9 א זייגער פריה דעם פאסאזשיר פון קאלישער ב הן-הויף אויף פיעטריקאווער 35 און פון דארט 2 הערען מיט שאכטלען זאל זיך מעלדען: פיעטריק. 35 אין געשעפט פון פרוי שנאפער.

א זעלטענע געלעגענהייט!

איך פאהר די וואך נאך ווין און נעם אן צו ערלעדיגען פערשידענע אנגעלעגענהייטען אויף זעהר גינסטיגע בעדינגונגען. ערשטקלאסיגע רעפערענצען. די אדרעס צו ערפאהרען אין דער אדמיניסטראציע פון „לאדזשער טאגעבלאט".

א יונגערמאן

בעקאנט אין קאלאניאל-בראנזשע זוכט א פאסענדען פאסטען. אפערטען: „לאדזשער טאגעבלאט" אונטער „קאלאניאל-בראנזשע".

אוועקצוגעבען

2 צימער, קוך און וואוינקוד מיט דעם גרעסטען קאמפארט. צו ערפאהרען גדאנסקא 12 (דלוגא) וואוינונג נומ. 20 פון 3—6 נאכמיטאג.

ה' בלאנקעט,

וועלכער איז געווען דעם 1/VII ד. י. ביי ה' ליטמאן, פיעטריקאווער 32, ווערט געבעטען אין זיין אייגענעם אינטערעס זיך צו מעלדען אין אויבענדערמאנטען געשעפט. 2819

א טערטאק

מיט א פולקאמער איינריכטונג 1 גאטערדיגער II 24, א לאקאמאביל 24 פערד-קראפט אין א גאנצליך גוטען צושטאנד ביליג צו פערקויפען: St. Śniady, poczta Sędziejowica powiat Łask.

אנ'איינגעריכטעט געשעפט,

2 גרויסע שוי-פענסטער אין האנדעלס-צענטר צוזאמען מיט 3 שטובען און א קוך איבערצוגעבען. מעקלערס געווינשען. אפערטען אפצוגעבען אין אדמ. פון „לאדזשער טאגעבלאט" אונטער „1200".

חיכטיג פאר דאמען!!!

מאכט איך די פלעגנאטסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע פון 2.50 זל. נאר פאר. די פיינסטע היטע איבערפאסט איך אויף גאנצליך נייע. נאר פאר. געדענקט די אדרעס: 28 זאוואדזקי 28

אין הויף, 2-טען איינגאנג, לינקס פארטער. ווערען געמאכט זיידענע, שטרויענע און פילץ-היטע בעם. אין אלע פארבען אין פאנגטאר „TOLA" 7. זל. אויפפיהרונג.

פאדערט איבעראל

נאר פאטענטירטע

פעלד-בעטעז

פערזעהען מיט דער פאבריקס-מארקע

Palma-Patent

פאר וועלכע מיר גאראנטירען.

אויך שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל: ניקעל-בעטען, קינדער-בעטען, אמערי-קאנקעס, קינדער-וועגעלער, הויכע פינדער-בענקלעך, שאטלאנגע און געבעטע מאטראצען.

ביליגסטע פרייזען! רעעלסטע בעהאנדלונג!

לאדז, פולנאצנא 24, טעל: 31-85.

לאמבארד. א ליציטאציע.

די ווארשאווער לייה-אקציעס-געזעלשאפט

אויף בעוועגליכע משכנות, אבטיילונג אין לאדז, זאכאדניא 31

מאכט בעקאנט, אז דעם 26, 27, אין 29 יולי 1927 וועלען ווערען פערקויפט דורך א עפענטליכע ליציטאציע די אין זיין צייט נישט פראלאנגירטע משכנות. די פראצענטער דארפען איינגעצאהלט ווערען פאר'ן 21-טען יולי 1927, ווייל נאכ'ן דאזיגען טערמין וועלען די משכנות אינגאנצען מוזען צוצאהלען די קאסטען פון דער מלוכה'שער פראגיר-אגשטאלט פאר דער דורכגעפיהרטער פרובען-פעסטשטעלונג. די ליסטע פון די № פון די משכנות, וואס אונטערליגען דעם פערקויף, וועט ווערען פערעפענטליכט אין „קוריער לודזקי" און עס וועט אויסגעהאנגען ווערען אין דער ביורא זאכאדניא 31.

Dr. med.

G. Friedstein

צוריקגעקעהרט

אינערליכע קראנקהייטען. פון פערדויאונגס-ארגאנען, דיאטעטיק. שענקעוויטשא 37 נעמט אן פון 6—8 אוו.

בעקאנטמאכונג.

הינדורך טייל איך מיט מיין געערטע קונדשאפט, אז איך האב איבערטראגען מיין לינגעבעריי פון דער קאפערניקא 55 אויף

ווישאקא 20/22

איך נעם אן די פריהער אלע ארט מאטעריאלען: בוימוואל, האלבוואל, שטרייגארן, קאטנארז און זיידע, אויף גלאטע און קארירטע שטוהל פון 32 ביז 72 צאל ברייט צום וועבן צווירנעז, טרייבן, שערן און שפולז.

י. גוטערמאן, ווישאקא 20/22

טעלעפאנען: 46-77, 23-49.

עס ווערט געזוכט א געוועלב צוזאמען מיט א צימער און א קיך (עס קען אויך ווערען געטוישט פון א צימער און א קיך אויף א האלב געוועלב צו דינגען אין צענטרום פון שטאדט). צו ערפאהרען פון 3 א זייגער נ"מ ביי זיעלינסקי, קאמיענע 17.

צאהן-ארצט

S. LIEBERMAN

קאנסטאנטינער 46

נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 4—8 אוונט.

נישט 10.000!.. נישט 100.000!..

נור מיליאנען מענשען אויף דער וועלט בענוצען אין איצטיגען מאמענט

COSMOPOLIS

א דאנק זיינע זעלטענע אייגענשאפטען, וועלכע פלעגט און בעהאלט די פרישקייט פון פנים, הענד און קערפער. קאסמאפאליס דאס איז נישט קיין קרעם. קאסמאפאליס דאס איז נישט קיין פאטע צום פנים. קאסמאפאליס איז א גאנץ נייע און ביז אהער נאך נישט געוועזענע זאך.

הויפט-סקלאד אויף פוילען: Roman Włodarski, Warszawa, Lubeckiego 5

צו בעקומען אין די אפטייקען, אפטייק-סקלאדען און פערפומעריעס. פרייז זל. 2.50 פאר א שטיק. אין פאל ווען מען בעקומט נישט דארף מען זיך ווענדען צום הויפט-סקלאד פאר פוילען. אויסטערפיגע ווערט צוגעשיקט נאכ'ן בעקומען פאראויס זל. 2.75 אדער 3.25 פאר נאכנאמע. היט זיך פאר פעלשונגען!

פערטרעטער אויף בעזונדערע שטעט אויף אייגענער רעכנונג ווערט געוואונשען.

OGŁOSZENIE.

Komitet Budowy Teatru Miejskiego przy Magistracie m. Łodzi ogłasza niniejszem

przetarg publiczny

na roboty ziemne przy budowie gmachu teatralnego na placu miejskim, położonym przy zbiegu ulic: Kilińskiego, Narutowicza i Skwerowej (park kolejowy).

Roboty obejmują: 1) splantowanie około 13.000 mtr. sześc. terenu, 2) wykopanie około 20.000 mtr. sześc. ziemi pod fundamenty na głębokości od 1 do 7 mtr. oraz 3) wywózkę wykopanej ziemi.

Oferty w zapieczętowanych kopertach z napisem: „Oferta na roboty ziemne przy budowie Teatru Miejskiego w Łodzi" składać należy w terminie od dnia 20 lipca 1927 roku godz. 12-ej w Biurze Komitety Budowy Teatru Miejskiego (Magistrat m. Łodzi, Plac Wolności 14, pokój Nr. 14, gabinet wicedyrektora Zarządu Miejskiego M. Kalinowskiego).

Ślepe kosztorysy wydaje oraz udziela wszelkich informacji kierownik budowy p. arch. D. Lande, Al. Kościuszki Nr. 69 codziennie w godzinach od 15-ej od 17-ej.

Komitet Budowy Teatru Miejskiego przy Magistracie m. Łodzi zastrzega sobie prawo dowolnego wyboru oferty. O term nie otwarcia ofert osoby zainteresowane zostaną w swoim czasie poinformowane pisemnie.

Łódź, dnia 7 lipca 1927 roku.

Komitet Budowy Teatru Miejskiego przy Magistracie m. Łodzi.

Przewodniczący Sekcji Budowlanej Komitetu (–) inż. L. GOLC.

Przewodniczący Komitetu Wiceprezydent m. Łodzi (–) w z. W. GROSZKOWSKI.

אבאנעמענטס-פרייז: פאר א חודש אין פוילען 5 זל., אין פראנקרייך און בעלגיען — 20 פראנק, אין אנדערע לענדער — 1.25 דאלאר.

אנאנסען-פרייז: פאר א מילימעטער-שורה פאר'ן טעקסט 16 גר., פרייטאג 24 גר., אין טעקסט 40 גר., פרייטאג 60 גר., נאכ'ן טעקסט 12 גר. פרייטאג 18 גר. פאר אויסלענדישע אנאנסען 100% טייערער. אויסער דער שטאט — מיט 50% טייערער. פון די פרייזען ווערען נישט ערטפעגעבען קיין ראבאט.

Redaktor-wydawdca E. Hamburski.

Tłocznia: E. i M. Hamburskich w Łodzi, Piotrkowska 16.